STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03370

BRIS MILE

L. Rosenzweig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברית מילה

פון

ל. ראזענצווייג

ארויסגעגעבען פון ל. ראזענצווייג

~~171 Henry Street,~~ New York

פרייז 50 סענט.

הקדמה.

קיין ערנסט וואָרט
געהט ניט פארלוירען.

ע מ ע ר ס אָ ן.

אויב א רעליגיעזער איד וועט דורכלעזען דיזען ביכעלע וועט ער זיך זיכער פיהלען געקרענקט.

דאס איז ניט די אבזיכט פון שרייבער. ווער עס קען ניט אָבווישען א טרער פון מענשליכען אויג דער זאָל וועניגסטען קיין טרער ניט פעראורזאכען.

יעדע געבורט אבער איז שמערצליך. דאס איז א קללה פון די געטער.

און דער נייער איד ווערט יעצט געבוירען. אויב דאס ביכעלע וועט איינברענגען כאָטש אביסעלע ליכט אין דעם פינסטערען בנין פון דער אידישער רעליגיאָן וועט די ארבייט פון שרייבען עס זיין בעלוינט. אויב ניט, וועלכעס איז וואהרשיינליכער, וועט די בע־לוינונג זיין דאס בעוואוסטזיין אז עמערסאָנ'ס ווערטער, ווי אויבען געבראכט, זיינען אמת.

מאנכעס פון דיעזען ביכעלע איז שוין געווען געדרוקט אין דער "פרייער ארבייטער שטימע" און איך באַנוץ דיזע געלעגענהייט צו דאנקען הערצליך דעם רעדאקטאָר פון דיזער אמת ריינער און שעהן רעדיזשירטער צייטונג, מיין פריינד ש. יאנאָווסקי, פאר ער־לויבען מיר אויסצודריקען מיינע געדאנקען אין די שפאלטען פון דער צייטונג, זיך ניט קימערענדיג איבער דעם פאקט אז ביי דער יעצטיגער נאציאָנאלער שטרעמונג קענען מיינע געדאנקען ניט זיין זעהר פּאָפּולער.

איך האָב בדעה געהאַט צו מאַכען דיזעז בוך איבער ״ברית־מילה מיט'ן שייכות צום פאַלוס־קולט״. דער לעצטער ענין איז אָבער אַזוי גרויס און אינטערעסאַנט אַז איך האָב באַשלאָסען עס צו דרוקען באַזונדער.

ל. ר.

מאַרטש, 1916.

דער קרבן.

די מורא פאַר די לעבעדיגע איז דער
שורש פון פאָליטישער הערשאַפט,
די מורא פאַר די טויטע איז דער
שורש פון רעליגיעזער הערשאַפט.
ס פ ע נ ס ע ר.

וקבל עבודתי במצוה זו כאלו הקרבתי
קרבן על גבי מזבחך.....

דאָס מוז דער מוהל זאָגען, לויט דעם דין, מיט גרויס ״כוונת הלב״, ד. ה. מיט'ן גאַנצען הארצען.

און וואָס מיינט עס?

דער מענש אין זיין קינדערישען צושטאַנד, אין אַלע טיילען פון דער וועלט, האָט אין זיין אונוויסענהייט און מורא, זיך געווענדעט צו דער אָהן־רחמנות'דיגער נאַטור, מיט תפלות און תחנונים. ווען דאָס האָט ניט געהאָלפען האָט ער פּרובירט מיט מתנות, און דיזע מתנות זיינען מיט דער צייט געוואָרען קרבנות. (ע. ע. דזשעסעל אין זיין בוך איבער ״דער אונבעקאַנטער געשיכטע פון די אידען״, דענקט אנדערש).

און היינט ווערען קרבנות באטראַכט אַלס דער העסליכסטער, שענדליכסטער סאָרט געצענדיענסט. עס איז אַ בעליידיגונג פאַר גאָט און מענש.

ווען אידען זיינען געווען אין ארץ ישראל האָבען זיי געבראַכט קרבנות ניט נור פאַר זייער גאָט, נור פאַר אַלע געטער מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין באַריהרונג. און נור אַ דאַנק די אידישע נביאים, די מיינסטע פון וועלכע זיינען געווען אמת גרויסע מענשען, זיינען די אידען ניט פארזונקען געוואָרען אין העסליכען געצענדיענסט.

צווישען די העסליכסטע עבודות זרות איז קרבנות ברענגען צו די געטער געווען די מיינסט־פאַרשפּרייטע און די העסליכסטע.

ווען די אידען זיינען פארטריבען געווארען פון ארץ ישראל האבען זיי אויפגעהערט ברענגען קרבנות צו גאט, און כאטש מאנכע לייקענען עס, שיינט צו זיין די אורזאך דערפון דער פאקט וואס די סעמיטישע ראסע האט געגלויבט אין לאקאלע געטער, און א קרבן צו א גאט האט מען געבראכט נור אויף דעם שטיקעל ערד אויף וועלכען דער באטרעפענדער גאט האט געוועלטיגט, אלס בא־ווייז דערצו קען מען ברענגען דעם "ומפני חטאינו" וכו'. און די תורה האט אין זיך עטליכע באווייזע פאר דיזער באהויפטונג.

דער מוהל אבער פון צוואנציגסטען יאהר־הונדערט זעהט נאך ניט דאס העסליכקייט פון קרבנות און ער טענה'ט צו דעם וואס, נאך זיין איבערצייגונג, האט די וועלט אין איהר גאנצער פראכט באשאפען, אט וואס "זאלסט גאט אננעהמען מיין ארבייט (דאס אבשניידען) גלייך ווי איך וואלט דיר געבראכט א קרבן אויף דיין מזבח".

ווען מען באטראכט דעם "קרבן" און מען האט אין זינען אז דאס ווערט אנגעבאטען דעם באשעפער פון הימעל און ערד, דעם באשעפער פון דער זון, לבנה און שטערן אונצעליגע, דעם בא־שעפער פון שכל, מוז מען זיך ניט ווילענדיג פרעגען, איז דער מוהל אויך איינער פון יענעם פאלק וועלכעם רופט זיך "עם חכם ונבון"?

באטראכט דעם "קרבן" און פרעגט:

איז דאס א פאסענדער קרבן פאר א גאט פון צוואנציגסטען יאהר־הונדערט?

איז דאס א פאסענדער קרבן פאר א מענש אין צוואנציגסטען יאהר־הונדערט?

.2

פאַרוואָס אנטלויפט דער יונגער דור פון אַלטען?

די עקשנות מיט וועלכע די אידען
האָבען אויפגעהאַלטען זייערע זאָנ־
דערבאַרע רעליגיעזע מנהגים און
אונסאָציאַלע זיטען, האָט זיי בע־
צייכענט אַלס אַ בעזונדער מין
מענשען, האַסענדיג אַלע איבריגע.

ע ד. ג י ב א ן

רוימישע געשיכטע.

אַ מענש מיט שכל דערקענען מיר דורך דריי זאכען. דורך שווייגען, דורך רערען, דורך האנדלען.

שווייגען איז ניט קיין זיכערער בעווייז פון שכל.

ס׳האָט שוין פאַסירט אז מען האָט איינעם געהאַלטען פאַר אַ חכם ווייל ער האָט תמיד געשוויגען, און ווען ער שטאַרבט שוויי־גענדיג וואָלט ער אפשר געשטאָרבען אַ חכם, האָט ער אָבער פאַר׳ן טויט אָנגעהויבען ריידען, האָט מען אין איהם דערקענט דעם נאַר.

ריידען איז שוין אַ בעסערער צייכען פון אַ מענש מיט שכל, אָבער אויך ניט קיין זיכערער, ווייל דאָ שפּיעלט אויך אַ ראָלע דער צוהערער.

טהאטען, אָבער, זיינען אַ זיכערער בעווייז פאַר דעם גייסטיגען צושטאנד פון מענשען.

אַ מענש מיט שכל ווען ער טהוט עפּעס, פרעגט ער זיך אַ פריי־הער צוואָוואָס איז די טהאַט נויטיג! וועלכען נוצען ברענגט זי!

און אויב, אויסגעהענדיג פון דיזען שטאַנדפּונקט, מיר פרעגען, איז דער איד אַן אינטעליגענטער מענש?

מוז אונזער ענטפער זיין אַ פראַגע:

גיט דער איד זיך אָב חשבון אויף אַלעס וואָס ער טהוט?

איז דער ענטפער, אַלס מענש יע, אַלס איד ניט!

מיינט דאָס אַז דער איד איז אַ נאַר?

ניין ! דער איד איז ניט קיין נאטירליכער נאר. דאס מיינט, דער איד מעג ניט זיין געבילדעט. אבער קיין נאר איז ער ניט. ער איז נאטירליך אינטעליגענט.

און קיין וואונדער איז עס ניט !

האט ער דאך אזוי פיעל ערפאהרונג !

קען עס מעגליך זיין אז דער איד, סיי אלס יחיד סיי אלס נאציאן האט אין די אלע יאהרטויזענדע פון ליידען גארניט גע־לערנט ?

פון ליידען !

פון וואס דען לערנט מען אויב ניט פון ליידען !

דער איד האט געליטען און געלערנט.

רעליגיעז אבער, איז ער נאריש.

זיין רעליגיאן איז אזוי אלט ווי די עגיפטישע פיראמידען, און אפשר עלטער !

ער אליין איז א מענש פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט.

די פיער אדער מעהר טויזענד יעהריגע פיראמידען זיינען היינט נאריש אפילו פאר טויטע הערשער.

א פיער טויזענד יעהריגע רעליגיאן קען ניט זיין שכל'דיג פאר'ן היינטיגען מענש.

דער אלטער דור וועלכער לעבט אין א רעליגיאן פון דער צייט פון די פיראמידען, קען ניט צוציהען צו זיך דעם יונגען דור וועלכער לעבט און ווירקט אונטער דעם ליכט פון דער זון פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט.

דער איד פון אלטען דור טהוט זאכען אהנע זיך צו פרעגען פארוואס און צוואוואס !

יעדע רעליגיעזע טהאט זיינע איז א נארישע ווייל ער פרעגט ניט פארוואס און צוואוואס זי איז נויטיג.

די נארישסטע פון אלע איז דאס מל זיין.

דער יונגער דור פרעגט און זוכט אן ענטפער אין דער פרעמד.

דאס מל זיין איז ענטשטאנדען אונטער דעם שאטען פון די פיראמידען. דעם שטויב פון וועמעס ציעגעל און שטיינער דער ווינד האט שוין לאנג צושפרייט איבער אלע ימים.

און דער איד וועלכער האט דיזע ימים שוין אזוי פיעל מאל דורכגעקרייצט, האלט זיך נאך אלץ מיט דיזען אלט־עגיפטישען, העסליכען מנהג.

איז עס א וואונדער וואס דער יונגער דור אנטלויפט פון איהם?

דער יונגער דור פרעגט, און זיין ענטפער געפינט ער אין דער פרעמד! דער אלטער דור קען ניט ענטפערען! געהט דער יונגער דור צו פרעמדע נאך אן ענטפער.

.3

וואס ווילען מיר?

ס'איז פאראן גענוג שכר בלויז
אין וויסען אז מען טהוט א נאָ־
בעלע זאך.

ס י ס ע ר א.

זאל דער גלויביגער איד זיך פרעגען, פארוואס ווילען איהם אידישע פריידענקער אברייסען פון זיינע אלטע מנהגים?

דריי ענטפערס קען ער האבען צו דיזער פראגע.

1) אוים פראפיט, ד. ה. זיי פארדיענען עפעס דערביי.

2) אוים שלעכטיגקייט, אפיקורסות, אדער להכעים

3) אוים ליעבע צום אידען.

וועלכער ענטפער איז דער ריכטיגער?

ברענגט אפיקורסות נוצען דעם אפיקורס?

קיינמאל ניט.

צווישען אלע רעפארמירער איז דער אפיקורס דער אונגליק־ליכסטער.

מיר ווילען דעם אידען צוליעב טהון און זאגען אז אברהם אבינו איז געוועזן דער ערשטער גרויסער אפיקורס פון בבל.

ווייל אויב א הונדערט חלק דערפון וואס די לעגענדען דער־צעהלען פון איהם זאל זיין אמת איז ער זיכער געוועזן דער ערשטער און גרעסטער רעליגיאן'ס רעפארמער אין בבל.

ווי נישטיג איז דער אפיקורס פון היינט אין פארגלייך מיט אברהם אבינו?

דער אפיקורס פון היינט האט בלויז איין גאט געגען וועמען צו קעמפפען.

אברהם אבער האט געמוזט קעמפפען געגען פיעלע געטער.

און וואס איז געווען זיין לוין?

ער האט געמוזט פארלאזען זיין היים, אוועק צווישען פרעמדע, וואו קיינער האט איהם ניט געקענט און ניט פארשטאנען, איהם זיין געליעבטע פרוי אוועקגערויבט. דער נייער גאט האט איהם ניט געקענט העלפען, די אלטע האבען איהם ניט געוואלט העלפען, און אברהם איז געווען הילפלאז.

דאס איז דער לוין פון אפיקורס.

און מעגליך אז די ערשטע אפיקורסים זיינען געווען די מענשען פון דור הפלגה.

און וואס איז געווען זייער לוין?

א שרעקליכע קללה!

ניט געהען העכער!

די ארגסטע שטראף וואס מען קען א מענשען געבען.

ניט פארשטעהן איינער דעם צווייטען!

א קללה פון וועלכער מיר ליידען נאך היינט.

און אונזער מוטער חוה, ווי שרעקליך האט זי געליטען פאר איהר אפיקורסות?

אזוי בעשטראפען קען נור א גאט.

צו ליידען שמערצען און צו וויסען אז איהרע קינדער וועלען ליידען.

דאס איז דער לוין פון אפיקורס!

קרח איז געווען אן אפיקורס.

און וואס איז געווען זיין לוין?

ער איז געווען אן עושר, און האט געקענט לעבען אין צופריעדענהייט, ער איז אבער געווען אן אפיקורס, האט די ערד איהם ציגעדעקט א לעבעדיגען.

דאס איז דער לוין פון אן אפיקורס.

ווען אהרן וואָלט געווען אַן אפּיקורס וואָלט ער צו אַזאַ גדולה ניט געקומען.

ווען די אידען זיינען צו איהם געקומען און פון איהם געפאָדערט אַ נייעם גאָט, האָט ער זיי געגעבען.

און ס׳איז זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז ביי אַ גאָט פון גאָלד, מיט שכל פון אַ קאַלב, קען מען קיינמאָל ניט דערלעגען.

און אהרן האָט זיינס ניט צוגעלעגט.

ער איז קיין אפּיקורס ניט געווען!

ער, דער ברודער פון דעם וואָס האָט גערעדט מיט דעם לע־בעדיגען גאָט פּנים אל פּנים.

ער, דער כהן־גדול פון איינציגען גאָט, צייגענדיג די אידען דאָס קאַלב פון גאָלד, שרייט אויס: ״אלה אלהיך ישראל״.

אהרן איז געווען אַ פייגלינג!

ס׳איז לייכטער צו דיענען צוויי געטער איידער קעמפּפען גע־גען איינעם.

דריי טויזענד אידען ווערען גע׳הרג׳ט דורך דעם געטליכען קאַלב וואָס אהרן האָט געמאַכט. אהרן ווערט כהן־גדול. ס׳איז זיין לוין.

אהרן איז קיין אפּיקורס ניט געווען!

איז די אפּיקורסים ביי די אומות־העולם געגאַנגען בעסער?

די אַלטע גריכען זיינען געווען די ערטשע אייראָפּעאישע פילאָזאָפען, און נאַטירליך האָבען זיי געהאַט די ערשטע אייראָ־פּעאישע צווייפלער.

פינף הונדערט יאָהר פאַר קריסטוס׳ען האָט אין גריכענלאַנד געלעבט אַ פילאָזאָף אַנאַקסאַגאַראַס, אפשר דער ערשטער אפּיקורס אין דער געשיכטע פון אייראָפּעאישען געדאַנק ענטוויקלונג.

ער האָט אַ אויף אַ ריין־נאַטירליכען אופן פּרובירט ערקלערען ליקוי־חמה און ליקוי־לבנה, פאַלענדע שטערן אָדער מעטעאָרען, דעם רעגענבויגען א. ז. וו.

די זון האָט ער ערקלערט איז אַ שטיק צושמאָלצענע מעטאַל און כמעט אַזוי גרויס ווי אַ חלק פון גריכענלאַנד. (די זון איז פון די גריכען פערגעטערט געוואָרען). ער האָט געלייקענט אין די גריכישע געטער. די אונוויסענדע מאַסע האָט איהם ערקלערט פאַר

אן אפיקורס. ער האט געמוזט אנטלויפען פון אטהען כדי צו רעטען זיין לעבען.

ער איז געשטארבען אין דער פרעמד.

דאס איז דער לוין פון אפיקורס!

ארום יענער צייט האט געלעבט א גריכישע שענהייט מיט׳ן נאמען אספאסיא, זי איז געווען די לעהרערין פון דעם גריכישען גאון סאקראט און די ערטשע אגיטאטארין פאר גלייכע רעכטע פאר פרויען.

און כאטש מען קען אויף איהר ניט זאגען אז זי איז געווען א גרויסע צנועה, דאך האט איהר דאס ניט געשאדט בעריהמט צו ווערען.

קוים אבער האט זי ארויסגעזאגט אפיקורס׳ישע געדאנקען, האבען די טרערען פון פעריקל, איהר קוים גערעטעט פון טוידט.

סאקראט האט געמוזט טרינקען דעם בעכער מיט גיפט ווייל ער האט אבגעלאכט פון גריכענלאנד׳ס שענדליכע געטער.

אריסטאטעל איז געווען באשולדיגט אין ניט־פרומקייט אויף א לעבערליכער, פאלשער קלאגע, אבער געדענקענדיג דעם טוידט פון זיין רבי׳ס רבי איז ער אנטלאפען פון זיין שעהנער היים און געשטארבען אין דער פרעמד. און די וועלט ווייסט ביז היינט ניט וואו עס רוהען די ביינער פון דעם גאון איבער אלע גאונים.

פראטאגאראס, דער ערשטער סיסטעמאטישער בעל הדקדוק, לאנג פאר אריסטאטל׳ען האט אין גריכענלאנד אבגעלעבט זיעבציג יאהר אין גרויס כבוד.

אויף דער עלטער איז ער באשולדיגט געווארען אין אפיקורסות און האט געמוזט אנטלויפען כדי צו רעטען זיין לעבען, און איז אויפ׳ן וועג קיין סיציליען דערטרונקען געווארען.

ווען ער איז גוט און פרום דארף ער זיין היים ניט פאר־לאזען אויף דער עלטער.

דאס איז דער לוין פון אפיקורס.

דיאגאראס האט געלעבט אין צווייטען העלפט פון פינפטען יאהרהונדערט פאר קריסטוס׳ען, איהם האט מען גערופען ״דער אטהעאיסט״.

אין דער יוגענד איז ער געווען זעהר רעליגיעז, אויף דער עלטער אָבער האָט ער איינגעזעהען די נישטיגקייט פון די געטער און האָט געהאַט דעם מוטה עס אַרויסצוזאָגען. ער איז פאַר׳משפּט געוואָרען צום טוידט, און ווען ער איז אַנטלאָפען האָט די רעגיערונג אויסגעזעצט אַ פּרייז אויף זיין קאָפּ.

ער איז געשטאָרבען אין דער פרעמד.

דער גריכישער פילאָזאָף עפּיקור, פון וועמען עס נעהמט זיך דער נאָמען ״אפּיקורס״ איז אַ גליקליכע אויסנאַהם. ער איז ניט געשטאָרבען אין דער פרעמד, ניט אָרעם און ניט פאַרהאַסט. מעגליך אַז דאָס איז דורך זיין איבערנאַטירליכע גוטסקייט אַלס מענש. ער איז געווען עדעל און גוט אפילו צו זיינע שקלאַווען און שטרענג מאָראַליש.

אָט איז אַ שטיק תורה פון דיזען פאָטער פון אפּיקורסות.

״מיר קענען ניט לעבען אין פערגעניגען סיידען מיר לעבען קלוג, איידעל און גערעכט״.

און דער מענש לעבט צוליעב פערגעניגען.

וועלכער גלויביגער קען זאָגען מעהר!

און האָבען אידען געהאַט ווייניג אַזעלכע מאַרטירער!

די אידען באַטראַכטען ירבעם בן נבט פאַר אַ גרויסען אפּיקורס, און דאָס איז פאַלש.

אמת, ער האָט געטהון דאָס זעלבע וואָס אהרן הכהן, ניט מעהר. אַנשטאַט איין גאָלדען קאַלב האָט ירבעם געמאַכט צוויי און פונקט ווי אהרן האָט ער אויסגערופען: ״אלה אלהיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים!״

וואָס אהרן׳ס אבזיכט איז געווען מיט׳ן גאָלדענעם קאַלב ווייסען מיר ניט; מעגליך ס׳איז בלויז געווען אַן אַקט פון אַ פּייגען שוואַכען כאַראַקטער. ירבעם אָבער איז זיכער ניט געווען קיין אפּיקורס נור בלויז אַ קליינליך העסליכער פּאָליטיקער פון נידריגסטען סאָרט.

דאָך, דאָס פאָלק האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ שרעקליכען אפּיקורס, אַ ״חוטא ומחטיא את הרבים״ און אָט איז די קללה וואָס האָט אויף איהם געדוהעט ״המת לירבעם בעיר יאכלו הכלבים והמת בשדה יאכלו עוף השמים״.

דיזע קללה איז ניט פאר'ן פאליטיקער נור פאר'ן אפיקורס.

יעדער איד איז בעקאנט מיט אלישע בן אבויה! איז איהם געווען וואס מקנא צו זיין!

וויפיעל פרומע אידען פאר איהם און נאך איהם באזיצען אזוי פיעל בילדונג ווי דיזער ערשטער גרויסער אידישער אפיקורס?

די וועלט געשיכטע רופט איהם דער דאקטאר פאוסט פון תלמוד.

זיין אייגען פאלק רופט איהם "אחר".

דאס איז דער לוין פון אפיקורס!

וועלכער איד איז ניט בעקאנט מיט רבינו משה בן מיימון?

האבען דאך די אידען געהאט בלויז איין רמב"ם!

און ווי אזוי האט דאס אידישע פאלק בעהאנדעלט דיזען אמת גרויסען איד און נאך גרעסערען מענש?

די וועלט־געשיכטע האלט איהם אזוי גרויס ווי משה־רבינו.

און פרומע אידען האבען איהם געהאלטען פאר אן אפיקורס און האבען אויף זיין מצבה געלאזט אויסקריצען "דא ליעגט בע־גראבען דער אפיקורס וואס האט פארדיענט א חרם".

וויפיעל מענעשן ווי אוריאל אקאסטא האט די וועלט?

ער האט געבענקט נאך דעם יודענטום וואס איז פארקערפערט אין די אידישע נביאים, א ריינע, פרייע רעליגיאן, און וואס פאר א אידישקייט האט ער געטראפען ביי די אידען פון זיין צייט?

א פינסטערע, נארישע, קליינליכע רעליגיאן, אן ערנידערונג פאר גאט און מענש.

ניט גאט האט דיזער מארטירער געלייקענט, נור די אידישע רעליגיאן האט ער געלייקענט. א וועלטענשעפפער, האט אקאסטא געזאגט, קען ניט זיין אזוי קליין און קאפריזנע נאריש און פער־לאנגען פון מענשען מיט שכל אזעלכע קליינליכע דומהייטען ווי די פאנאטישע אידען גלויבען אז זייער רעליגיאן פערלאנגט פון זיי.

די וועלט־געשיכטע רופט איהם א מוטהיגער דענקער, א זעל־טען פעהיגער אינטעלעקט.

אידישע פריידענקער רופען איהם הייליגער מארטירער.

די אידען פון זיין צייט האבען איהם גערופען אפיקורס און איהם טרעטענדיג אונטער זייערע פיס, האבען זיי איהם געשפיגען אין פנים אריין. דאס איז דער לוין פון אפיקורס!

זאלען מיר דא נאך דערמאנען ספינאזא!

וואס קען אוזער ארעמע פעדער צוזעצען צו דעם וואס די וועלט דענקט איבער דיזען גייסטיגען ריעז!

די וועלט־געשיכטע האלט זיין פילאזאפיע פאר אן עפאכע־מאכענדע ערשיינונג.

איינער פון זיין פאלק האט איהם געוואלט דורכלעכערען זיין ערעלע הארץ פון גאט׳ס כבוד וועגען.

דער גרויסער לייבניץ איז געווארען גרוים פון דעם מאמענט וואס ער האט זיך דערנעהנטערט צו ספינאזא׳ן.

זיין אייגען פאלק האט זיך פון איהם דערוויטערט און איהם אויסגעמידען. ווי מען מיידט אוים א קרעציגען.

דאס מויל פון שפינאזא וועלכעס האט צום ערשטען מאל ארויסגעזאגט דעם גרויסען אמת פון ״דער ערהאלטונג דער קראפט״ און אמת וועלכער איז ערשט אין זיין גאנצער גרויסקייט בעוויזען געווארען אין ניינצעהנטען יאהרהונדערט. אט דיזעס מויל איז פון די אידען פארשלאסען געווארען דורך א חרם.

די וועלט־געשיכטע רופט איהם אן מיט ליעבע און רעספעקט ״גרויסער פילאזאף״.

זיין פאלק רופט איהם מיט פעראכטונג ״גרויסער אפיקורס״.

נאך א לאנגע ליסטע פון אידישע פריידענקער קען געבראכט ווערען און ביי אלע איז צו זעהען אז מעהר ווי ליידען און שמערצען האבען זיי פון זייער אפיקורסות ניט געהאט.

די פערפאסער פון איוב און קהלת האבען געהאט אדער מזל אדער שכל ניט צו לאזען וויסען ווער זיי זיינען, ווייל ווען די אידען ווייסען ווער דיזע צוויי צווייפלער זיינען געווען, וואלט געוועזן וועה צו זיי.

אלזא, פון די עטליכע ביישפיעלע איז צו זעהען אז דער אפיקורס איז דאס וואס ער איז ניט ווייל ער ערוואַרטעט עפעס דערביי צו פארדיענען, נור פארקעהרט ער ערוואַרטעט און איז בערייט עפעס צו פארליערען.

און נור א דאנק דיזע צווייפלער פון אלע רעליגיאנען איז גע־לונגען דער רעליגיאן זיך צו דערהויבען צו דער שטופע ביי וועלכער זי שטעהט היינט.

דערפאר זאגען מיר צום גלויביגען אידען, איהר דארפט ניט זיין איינשטימיג מיט יעדען אפיקורס. איהר מעגט איהם אבער פארשטעהן.

גערענקט ! גלויבען קען יעדער נאר !
צווייפלען ! דערצו איז נויטיג שכל !

4.

איז דער אפיקורס א להכעיס׳ניק ?

דעם להכעיס אפיקורס,
פרעמד זיינען אלע תורות,
דאך להכעיס ווער ס׳איז פרום,
איז א חוץ דעם שלעכט און דום.

ל. ר.

מיר ווילען דא גלייך זאגען אז דער וואס טהוט יענעם אויף להכעיס אין סיי וועלכער זאך איז לעבען איז א קליינער נפש צו וועלכען, מעהר ווי פאראכטונג קען קיין מענש ניט פיהלען.

און אויב ס׳איז מעגליך א נפש נאך קלענער פון דעם אויבען־דערמאנטען, איז עס איינער וועלכער איז א להכעיס׳ניק אין רע־ליגיעזע זאכען.

מיט להכעיס האט מען נאך קיינעם ניט בעוויזען אז ער האט ניט רעכט.

אלזא להכעיס איז ניט די וואפע פון אפיקורס.

די צרה איז אבער מיט׳ן גלויביגען וועלכער מיינט אז ווען איינער דענקט, רעדט אדער האנדעלט אנדערש ווי ער אין רעלי־גיעזע אנגעלעגענהייטען טהוט ער דאס איהם אויף להכעיס.

טאלעראנץ איז ניט נור א רעכט נור אויך א פליכט.

מיר גיבען דא איבער א בריעף וועלכען אז אמעריקאנער רעווערענד פון פלינסק האט אריינגעשיקט אין א אידישער צייטונג געדרוקט ניט אין פלינסק נור אין דער וועלט־שטאדט נויארק.

אט האט איהר פלינסקער טאלעראנץ :

ווערטהער הערר רעדאקטאר!

ערלויבט מיר אויסצודריקען מיין בעסטען דאנק צו אייער ווערטהע צייטונג וואס האט די לעצטע צייט געעפענט איהרע קאלומס צו בעהאנדלען אידישע רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען. א זאך וואס וועט, נאך מיין מיינונג, שאפען פיעלע נוצען צו ברייגגען ארדנונג אין דער אידיש־רעליגיעזע וועלט. איהר פערדיענט אויך א בעזונדערען דאנק פיר אייער עדיטאריעל פון "א מוטהיגער רב אין מאנטרעאל" און ערלויבט מיר אויסצודריקען מיין מיינונג וועגען דעם בראוון רב.

זיין בעפעהל צו די מוהלים אז זיי זאלען ניט מל זיין דעם קינד זונטאג איז געווען ריכטיג עפ"י דין. "כדי שלא יהנה ממעשיו הרעים". אזוי ווי מיר געפינען פיעלע אידישע דינים וואס זיינען געמאכט מיט דער זעלבער כונה. צום ביישפיעל: המבשל בשבת אסור לו (ש"ע ס"י שי"ח). וגם רשות ביד החכמים לעקור מצות עשה בשב ואל תעשה, משום מגדר מלתא. ובפרט ווען דער בעל ברית, דער עם הארץ איז עוקר די מצות עשה פון "ביום השמיני" צוליעב די זאנטאג פארטי. דאן דארפען געוויס די רבנים גוזר זיין אז אזעלכע ברית'ן מוזען געמאכט ווערען דוקא אם מאנטאג, כדי די פרצה זאל ניט גרעסער ווערען, ובפרט אז זיי טהוען מיט דער גזירה קיין איסור. ווייל די מצות עשה פון "ביום השמיני" איז שוין סיי ווי סיי נעקר דורכ'ן פאטער.

נור ליידער אין איין פאל האב איך אליין מתיר געווען אבצולעגען א ברית מילה".

דער פון איז צו זעהען אז דער להכעים נעפיהל איז פאראן ניט נור ביי מאנכע ניט־דערבאקענע אפיקורסים, נור אויך ביי רעליגיעזע פארשטעהער. ווייל דיזער בריעף וועמעס צווייטע העלפט מ״ר וועלען איבערגעבען שפעטער איז אונטערגעשריבען פון א רב'על פון אונזער געבענשטער מדינה און, מן הסתם אן אלטער פלינסקער בעל־עגלה לויט זיין שפראך.

באמערקט ווי פרעך דאס רב'על שרייבט!

ער ווייסט שוין אויך זיכער אז דער בעשעפער פון הימעל און ערד וויל מען זאל שניידען.

ער ווייסט פונקט אזוי זיכער אז דער וועלטען־שעפּפער וויל אז מען זאָל שניידען פונקט צו די אַכט טאָג, אויב ניט וויל ער ניט.

ער ווייסט אויך פונקט אזוי זיכער אז דער בעשעפער פון הימעל און ערד וויל אז דער פלינסקער נפש זאָל זיך אָננעהמען זיין קריוודע.

ער אליין האָט "דוקא" יא אמאָל געהייסען אַבלייגען א ברית מילה. נאַטירליך אז דער פלינסקער האָט געהייסען אַבלייגען האָט גאָט, דער פיהרער פון דער וועלט, געמוזט צופריעדען זיין, וואָס דען, גאָט וועט טהוען להכעים דעם פלינסקער רב'על?

אלזאָ, ווער טהוט להכעים?

קען מען זאָגען אז דער רב'ל איז אַן אפיקורס? חלילה־וחס, דערצו פעהלט איהם שכל און מוטה. אָבער א גראָביאַן א גרויסער איז ער.

און נור א גראָביאַן קען יענעם טהון להכעים.

באמערקט די חוצפה פון דיזען נפש.

דעם טאַטען פון קינד וואָס האָט אָבגעלייגט דעם ברית רופט ער "עם הארץ".

און ער פארגעסט אז דאָס פאָלק בעשטעהט פון לויטער עם־הארצים און דערפאַר קען נאָך אזא פלינסקער עסען ברויט אַן ארבייט.

וואָס וואָלטען אזעלכע פלינסקער און זייער גלייכען געטהון ווען דאָס פאָלק זאָל בעשטעהן פון לויטער אויפגעקלערטע מענשען?

הערט וואָס דער פלינסקער הייליגער קאָזאַק זאָגט: "דאַן דארפען געוויס די רבנים גוזר זיין אַז אזעלכע ברית'ן מוזען געמאַכט ווערען "ד ו ק א" אם מאָנטאָג". איהר הערט "ד ו ק א אם מ אָ נ ט א ג". דאָס רעדט די געטליכקייט פון איהם.

אלזאָ דעם עם־הארץ דאַרף מען טהון להכעים. להכעים טהוט נור א שלעכטער מענש.

און אויב דיזער שלעכטער מענש איז א פריידענקער אָדער גלויבט צו זיין א פריידענקער, טהוט ער אויף להכעים יענעם.

און אויב דיזער שלעכטער מענש איז רעליגיעז טהוט ער אויך יענעם אויף להכעים.

זיכער איז אָבער אז א פריידענקער טהוט קיינעם ניט להכעים. ווען אזעלכע זיינען יא פאַראַן, זיינען זיי ניט קיין פריידענקער.

נור מענשען, וועלכע זיינען פריי פון דענקען.

אונזער מאַטאַ מוז זיין די מאַטאַ פון נביא, "כל איש ילך בשם ד' אלהיו,, ואנחנו נלך בשם ד' אלהינו".

אונזער ארבייט איז אויפקלערען!

5.

איז איינער אַ פריידענקער אוים ליעבע צום אידען?

די אָפענע פיינדשאַפט טהוט וועניגער שאַדען ווי די שיינבארע גוטסקייט פון פריינד.

ק א ט אָ.

איז איינער א פריידענקער אוים ליעבע צום אידען?

מיר נעהמען זיך ניט אונטער צו זאָגען מיט זיכערהייט וואָס פאר א געפיהל דאָס איז וואָס מאכט דעם פריידענקער ריידען צום גלויביגען אידען, וויסענדיג אז איהם ערוואַרטעט ניט קיין לוין דערפאר.

ווען איהר זעהט ווי א קינד שפיעלט זיך אויפ'ן פרייען פעלד, ווי ער מאכט קיכלאך פון ליים, טרוקענט זיי אויף דער זון און ניט נור גלויבט ער אז באלד וועט ער עסען אמת'ע האָניג-קיכלאך אין וועלכע זיינע ליים-קיכלאך וועלען זיך פערוואנדלען, און ניט נור פרעהט ער זיך מיט זיינע צוקונפטס-קיכלאך פון צוקער און האָניג, נור ער בעריהמט זיך פאר אנדערע קינדער וועלכע שפיעלען זיך לעבען איהם פונקט ווי ער אליין, מיט עהנליכע ליים-קיכלאך. ער בעריהמט זיך, ווי די טבע פון א קינד איז, אז באלד וועלען זיינע האָניג-קיכלאך זיין פארטיג און בלויז זיינע קיכלאך וועלען זיך פערוואנדלען אין האָניג-קיכלאך און אז זייערע זיינען און וועלען בלייבען ליימענע קיכלאך א. ז. וו.

מיט וואָס פאר א געפיהל וואָלט איהר אזא קינד בעטראַכט?

ווי וועט איהר רופען דאָס געפיהל וועלכעס צווינגט אייך דעם בעריהמערישען קינד אויפצוקלערען אז ער מאכט זיך נאריש, אז ליים איז ליים ביי וועמען אין די הענד עס זאָל זיך ניט געפינען, און אז זיינע ליים-קיכלאך זיינען ניט, און קענען ניט זיין, בעסער פון די ליים-קיכלאך פון אלע איבריגע קינדער!

היינט שטעלט זיך פאר אז איהר טרעפט דאס קינד מיט יאהרען שפעטער שוין א דערוואקסענער מענ'ש, און ער שפיעלט זיך נאך אלץ מיט ליים־קיכלאך, גלויבט נאך אלץ אז זיי וועלען זיך פער־וואנדלען אין האניג־קיכלאך, און באריהמט זיך נאך אלץ אז אזעלכע האניג־קיכלאך ווי זיינע טרעפט מען ניט ביי קיין איינעם פון יענע וועלכע שפיעלען זיך נאך מיט ליים־קיכלאך ארום איהם, מיט וועלכען געפיהל וועט איהר אזא דערוואקסענעם קינד בעטראכטען?

אויב איהר האט א בעגריף פון דיזען געפיהל, רופט עס ווי איהר ווילט, דאס אבער איז דער געפיהל וואס צווינגט דעם אידישען פריידענקער צו ריידען צו זיין גלויביגען ברודער.

אפשר איז דאס ניט קיין געפיהל פון ליעבע, זיכער אבער איז עס ניט קיין להכעים געפיהל!

עס שמערצט צו זעהען דעם איד, א מענש מיט שכל אין יעדער אנגעלעגענהייט פון לעבען, ווי ער ווערט אזא שרעקליך פארשטאקטער נאר ווען עס קומט צו רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען.

דער שרייבער פון דיזע צייל ען פרעטענדירט ניט צו האבען א ספעציעלע ליעבע צום אידען, פונקט ווי ער האט ניט קיין ספע־ציעלע ליעבע פאר'ן קריסט, אבער דעם מענש און אידען ליעבט ער יא, אפשר ניט מעהר ווי דעם מענש אין קריסט, זיכער ניט ווע ניגער, און וואלט מיט פרייד אוועקגעגעבען זיין לעבען צו העל־פען ביידע, דעם איד און דעם קריסט, פיהרען א גליקליכען, קלוגען לעבען, א לעבען אהן קייטען, אהן עקאנאמישע און אהן גייסטיגע.

און אויב דיזעס קליינע ביכעלע וועט העלפען בלויז איין אידען זיך בעפרייען פון זיינע גייסטיגע קייטען וואס אן אזיאטישע רע־ליגיאן האט אויף איהם ארויפגעלעגט, ספעציעל דעם שענדליכ־סטען רינג פון דיזער שווארצער שווערער קייט, דעם רינג פון ברית מילה, אויב עס וועט געלונגען בלויז איין אידען צו איבער־צייגען אין מיאוס'קייט און שענדליכקייט פון דיזען בלוטיגען מנהג וואס רופט זיך ברית מילה, וועט די ארבייט פון דיזען ביכעלע אויפ־צושרייבען זיין באלוינט.

אט דאס איז דאס געפיהל וואס טרייבט דעם פריידענקער פון יעדע רעליגיאן צו רעדען צו די גלויביגע פון זיין פאלק.

און דאָס איז דאָס געפיהל וואָס צווינגט יעדען אידישען פריי־דענקער צו ריידען צום אידען.

ער זעהט ווי דאָס דריי־טויזענד־יעהריגע רעליגיעזע קינד שפּיעלט זיך מיט זיינע דאָגמאַטישע ליים־קיכלאַך און גלויבט באמונה שלימה אז דאָס זיינען האָניג־קיכלאַך.

אנדערע רעליגיעזע קינדער, נים אזוי אלט־רעליגיעז ווי ער שפּיעלען זיך אַרום איהם מיט די זעלבע ליים־קיכלאַך און פּונקט ווי ער גלויבען זיי באמונה שלימה אז זייערע קיכלאַך זיינען די ריכ־טיגע האָניג־קיכלאַך.

דער איד לאַכט פון זיי, ער זעהט ווי זיי נאַרען זיך, ער זעהט אז זיי האָבען בלויז ליים־קיכלאַך און ניט מעהר, ער איז אָבער בלינד, רעליגיעז בלינד, צו זיינע אייגענע קיכלאַך וועלכע זיינען אויסגעקנאָטען פון דעם זעלבען ליים וואָס זייערע.

און דער אידישער פרייידענקער, זעהענדיג דעם נאַרישען קינ־דערשפּיעל פון א דערוואַקסענעם קינד שרייט אויס: ישראל! גענוג!

שוין צייט זאָלסט אוועקוואַרפען דיינע ליימענע־קיכלאַך און זיך אַרומקוקען אויף דער וועלט אויף וועלכער דו לעבסט, דו לעבסט ניט מעהר אין אַלטען אזיען! אין יענעם מדבר־לאַנד איז קנעטען ליים־קיכלאַך אויך געווען א צייטפערטרייב! נאַרען זיך אַליין האָט דאָרט ניט טייער געקאָסט.

אָבער די וועלט אין וועלכער דו לעבסט היינט ערלויבט ניט צו פאַרליערען צייט מיט ליימענע קיכלאַך, זי האָט פאַר דיר אמת'ע האָניג און צוקער קיכלאַך פון ריינעם קולטור־מעהל, געמאַהלען אויף די ציוויליזאַציאָנס מיהלען פון צוואַנציגסטען יאהרהונדערט, גע־מישט מיט האָניג, געזאַמעלט פון וויסענשאַפטס־ביענען אין די בלומען פון גאָרטען פון אַל־וועלטליכער קולטור.

גענוג ביזט קיין קינד ניט מעהר!

לעבסט אין א ציוויליזירטער וועלט!

לעב ווי א ציוויליזירטער מענש!

6.
איז גלויבען א סימן פון שכל ?

פתי יאמין לכל דבר.

ביבליש.

ועל הכל יתגדל ויתרומם
שמך לעולם שנתת לי אמונה
שלמה להאמין כי אתה אל
אמת ותורת משה עבדך בכתב
ובעל פה אמת וכו'

אין דער תפלה וואס דער מוהל זאגט פאר'ן שניידען זאגט ער צווישען אנדערע זאכען אויך דאס אויבען געבראכטע, וועלכעס מיינט:

ער בעדאנקט זיך ביי גאט וואס ער האט איהם נעגעבען אז "אמונה שלמה" צו גלויבען אז ער איז אן אמת'ער גאט און אז די תורה, די געשריעבענע ווי די ניט־געשריעבענע, איז אמת א. ז. וו.

אויף וואס שטיצט דער מוהל זיין גלויבען ? איז דער ענטפער. דער מוהל איז א איד, א רעליגיעזער איד, און ווי יעדער רעליגיעזער איד גלויבט ער בלינד.

איז דיעזער גלויבען א סימן פון שכל ?

אויב איהר וועט דעם מוהל פרעגען צווישען פיער אויגען וואס ער דענקט איבער איינעם וואס גלויבט אלעס, וועט ער אליין אייך ענטפערען "פתי יאמין לכל דבר", א נאר גלויבט אלעס.

ס'איז אמת אז ניט פיעלע ערשיינונגען אין דער נאטור קען דער שכל בעגרייפען.

ניט פיעל ערשיינונגען אין דער נאטור קען די וויסענשאפט ערקלערען, דאך, צו גלויבען דאס אונפארשטענדליכע, הייסט בע־ליידיגען דעם מענשליכען שכל.

דאס שטארקייט פון גלויבען צייגט דאס שוואכקייט פון שכל.

פיעלע רעליגיאנס לעהרער גלויבען אז רעליגיאן אדער דער גלויבען איז א מענשליכער פארשריט. דאס איז ניט ריכטיג.

גלויבען אליין איז אזוי אלט ווי דער מענש. און וואס נידריגער דער גייסטיגער צושטאנד אלץ שטארקער דער גלויבען.

גלויבען אליין איז ניט קיין פארטשריט, נור די פארמע ווי דער גלויבען דריקט זיך אויס איז א פארטשריט אויב ער פאסט זיך צו צו דער צייט ווען ער ווערט פראקטיצירט.

צום ביישפיעל קרבנות איז אן אלט, העסליך שטיק עבודה־זרה. אלע פרימיטיווע פעלקער האבען דארין געגלויבט, אבער צווישען פארטגעשריטענע רעליגיאנען שעהמט מען זיך מיט דיזען בלוטי־גען מנהג.

דער מנהג פון מל זיין איז פיעל עלטער פון אידישען פאלק. אלע ווילדע און האלב־ווילדע און מאנכע האלב־ציוויליזירטע פעל־קער האלטען נאך היינט פון דיזען שענדליכען מנהג. אבער א פארט־געשריטענער גלויבען שעהמט זיך מיט דיזען ווילדען מנהג.

נאטירליך. ביי א גאנץ נידריגען צושטאנד פון גייסט קען קיין גלויבען ניט ענטשטעהען.

גלויבען ענטשטעהט ווען דער מענש האט שוין שכל צו פרעגען. איהם פעהלט בלויז שכל צו ענטפערען.

אין דיזען זין צייגט גלויבען א פארטשריט.

קוים אבער האט שוין דער מענש עררייכט א שטופע פון גלויבען, געפינט ער זיך אין דער נידריגסטע שטופע פון גלויבען ווייל דאמאלס גלויבט ער ווי א קינד אין די אונמעגליכסטע זאכען.

דיזער פרימיטיווער קינדערישער גלויבען געהט איבער פון טאטען צום קינד לדור דורות. און ווען דאס קינד זאל זיך האלטען אין גלויבען פון זיין טאטען, וואלטען מיר אלע נאך היינטיגען טאג אויפגעגעסען אונזערע לעבעדיגע קינדער און טויטע טאטעס.

דאס איז אבער ניט אזוי, א דאנק דעם שכל און ניט דעם גלויבען.

דער גלויבען האט מורא פאר'ן פארשריט.

צו בעווייזען אז וואס נידריגער דער גייסטיגער צושטאנד אלץ שטארקער איז דער גלויבען, ברענגט ספענסער פאלגענדע אינ־טערעסאנטע פאקטען.

"א געוויסער שבט פון שווארצע אין אפריקא איז אזוי איינ־געגלויבט אז א געוויסע קמיע קען בעשיצען פון אלדאס־בען אז איינער א שווארצער מיט א העכערען גייסטיגען צושטאנד איידער

דער דורכשניט שווארצער, האָט אַמאָל געזעהען ווי אַ אייראָפּעער האָט געשאָסען אין אַ ציעל־ברעט און יעדעס מאָל געטראָפען, האָט ער זיך אונטערגענומען אז דער ווייסער זאָל אויף איהם שיעסען בשעת ער, דער שווארצער, וועט ביי זיך האלטען אַ קמיע, און ער איז געווען איבערצייגט אז די קוגעל וועט איהם ניט שאדען.

ווען דער ווייסער האָט אזא שטארקען גלויבען ווי דער שווארצער וואָלט דער שווארצער געווען אַ טוידטער און דער ווייסער אַ מערדער.

נאָך אַ פאקט ברענגט ספּענסער כדי צו צייגען ווי שטארק דער גלויבען אָדער אבערגלויבען איז ביי מענשען פון נידריגען שכל.

"אַ ניגערין האָט געהאט אַ קמיע וועלכע, ווי זי האָט געגלויבט, קען זי בעשיצען פון יעדער געפאהר, ספּעציעל פון דער געפאהר פערוואונדעט צו ווערען, פון מעסער, קינזשאַל, האַק אָדער שפּיז.

אזוי זיכער איז זי געווען אין כח פון דיזער קמיע אז זי האָט איינגעוויליגט צו לאָזען איינעם פּרובירען איהר ארונטערהאקען אַ פוס.

ווען דער קעניג אָדער פיהרער פון שבט האָט דאָס געהערט, האָט ער בעשלאָסען אויסצופּרובירען דעם כח פון דער קמיע.

ער האָט געשיקט זיינעם אַ דיענער מיט אַ האַק און די פרוי מיט דער קמיע האָט אוועקגעלעגט איהר פוס אויף אַ קלאָץ און דער דיענער האָט מיט קראַפט ארונטערגעלאָזען די האַק און צום גרויסען שרעק און נאָך גרעסערען שמערץ פון דער פרוי איז אַ האלבער פוס אוועקגעפלויגען אין צווייטען זייט פון פלאָץ.

דיזע געשיכטע, וועלכע ספּענסער ציטירט פון אַן אנדערען וועט דער לעזער געפינען ביים סוף פון ספּענסער'ס דאַטאַ פון סאָציאָלאָגיע, ערשטען בוך.

דאָס, זאָגט ספּענסער, גיט אונז צו פארשטעהן פּארוואָס ביי ניט־פּאָרגעשריטענע פעלקער לאָזט אַ פרוי זיך באגראָבען אַ לעבעדיגע מיט איהר טוידטען מאַן, אָדער זי לאָזט זיך קוילען אויפ'ן קבר פון איהר מאַן אָדער קינד, גלויבענדיג באמונה שלמה אז אויף יענער וועלט וועלען זיי זיך ווידער באגעגענען.

טרעפט מען אזא פעסטען גלויבען צווישען ציוויליזירטע גלויבינגע ?

נעווים נים. ווייל זייער גייסטינער צושטאנד כאטש נים זעהר הויך, דאך, העכער פון ווילדען אדער האלב־ציוויליזירטען גלויבינגען איז ער.

און וואס העכער דער גייסטינער צושטאנד אלץ שוואכער דער גלויבען.

פארוואס דאס איז אזוי? זאגט ספענסער פאלגענדעס :

"דער פרימיטיווער מענש איז זעהר קאנסערוואטיוו. ד. ה. זעהר צוריקגעהאלטען. אפילו ווען מיר פערגלייכען העכערע ראסען איינע מיט דער אנדערער, און אפילו ווען מיר פערגלייכען פער־שיעדענע קלאסען איינע מיט דער אנדערער פון דער זעלבער גע־זעלשאפט, זעהן מיר אז די ווענינער ענטוויקעלטע שרעקען זיך אם מייסטען פאר יעדען וועקסעל. צווישען פראסטען פאלק איז שווער איינצופיהרען אפילו א פערבעסערטע מעטהאדע. און ביי דעם אונציוויליזירטען זעהט זיך דאס נאך שטארקער.

"א שווארצער האט געזאגט "מיין טאטע טהוט אזוי, איך טהו אזוי".

די אינדיאנער האבען געלאכט ווען מען האט זיי פארגעשלא־גען צו בייטען זייערע געוואהנהייטען.

"ליווינגסטאן דערצעהלט אז די שווארצע וועלכע ער האט בעגעגענט אויף זיין רייזע אין אפריקא זיינען אין פיעלע געגענדען אונבעקאנט מיט לעפעל, האט ער מאנכע פון זיי געשענקט לעפעל דאס איז זיי שטארק געפעלען געווארען. נור צו עסען מיט די לעפעל האט ער ביי זיי נים געקענט פועל'ן. זיי האבען די מילך ארייגעשעפט מיט דער האנד איז לעפעל אריין און דאן ערשט אין מויל אריין.

יאלען ארטאדאקסישע גלויבינע אביסעל נאכדענקען.

איז גלויבען א סימן פון שכל !

אויב יא, איז יעדער נאר א פילאזאף.

און די פילאזאפען פון דער וועלט מוזען אלע זיין גלויבינע.

7.

פון וואַנען שטאַמען מנהגים?

פיעלע עטהישע פאַרשריפטען און סאָציאַלע געזעצע, היינט גאַנץ נוצ־ליבע, האָבען געקראָגען אַ טהייל פון זייער היילינקייט פון אַלטען סיסטעם פון אַבערגלויבען.

ד ר. פ ר י י ז ע ר.

פון וואַנעט שטאַמען מנהגים?
יעדער וואָס האָט שטודירט יוריספּרודענץ ווייסט אַז די מייג־סטע פון די געזעצע זיינען געוועזענע מנהגים.

ווען דער מענש זאָל קענען לעבען איינער אַליין ווי מאַנכע אַנדערע חיות, וואָלטען קיין דינים און קיין מנהגים קיינמאָל ניט ענטשטאַנדען.

ווייל מענשען אָבער לעבען צוזאַמען, און מוזען קומען אין בעריהרונג איינער מיט'ן צווייטען, מוזען אויך ענטשטעהען רעגעלן ווי אַזוי אַ יעדער מוז זיך פיהרען כדי ניט צו שטערען דעם צווייטען.

גאַר אין אַנפאַנג דריקט דער שייכות צווישען מענש און מענש און מענש און געזעלשאַפט זיך אויס אין דער פאָרמע פון מנהגים. שפּעטער ווערט פון אַ מנהג אַ דין (מאַנכע דענקען אַנדערש).

ווען אומשטענדען בייטען זיך, ענטשטעהען נייע מנהגים, און ווען דער איד זאָגט "אַז אַ מנהג ברעכט אַ דין" דריקט ער דערמיט בלויז אויס אַ וואַרהייט וועלכע צייגט די קראַפט פון לעבען איבער אַלטע אָבגעלעבטע דינים.

מעג דער דין קומען דירעקט פון סיני, וועלען די אומשטענדען איהם בייטען.

אַ איד מוז על פי דין טראָגען אַ באָרד.

די אומשטענדען אין אַזיען האָבען דיזען דין ניט געשטערט. אין אַ קליין רוסיש אָדער פּויליש שטעדטעל זיינען די אומשטענדען געוועזען אַזעלכע אַז דאָס טראָגען פון אַ באָרד האָט האַרמאָנירט מיט דער אומגעבונג.

ווייל אין אמת'ן קען מען יעדעס קליינע שטעדטעל פון איי־

ראַפּאַ וואו אידען וואוינען, מיט אַ קליינער אויסנאַהמע, אָנרופען "קליין־אַזיען".

און אידען טראָגען דאָרט בערד, פון גאָט'ס כבוד וועגען, אונגעשטערט.

וואָס ווערט אָבער פון אידען'ס באָרד אין אַמעריקאַ?

דער מנהג פון לאַנד איז, אַז מען טראָגט ניט קיין בערד, און דער אַמעריקאַנער ניט־געשריבענער מנהג ברעכט אַן אויסדריקליכען דין פון דער תורה.

מנהגים מוזען נויטווענדיגער־ווייזע זיין שטאַרק פערשיעדען, ווייל די שייכות'ן צווישען די וועלכע שטעלען צוזאַמען די געזעל־שאַפט זיינען פערשיעדען.

אזוי צ. ב. האָבען מיר מנהגים צווישען איין יחיד און אַ צווייטען, מנהגים צווישען יחיד און קהל, פון יחיד צו זיין גאָט, צו אַ הערשער, צו אַ קנעכט, צו אַ טוידטען, צו אַ פריינד, צו אַ שונא. צו אַ פערברעכער, צום כלי קודש, פון יחיד צו זיין אייגען פאָלק, צו אַ פרעמדען, פון מאַן צו דער פרוי, פון קינד צו עלטערן, פון עלטערן צו קינדער, פון קלאַס צו קלאַס, און ספּעציעל פון יעדען יחיד פון פאָלק צו זיין טוידטען העלד.

יעדער מנהג, נאָכצוזאָגען אַ דייטשען פילאָזאָף, איז שכל'דיג. ער איז ענטשטאַנדען ווייל ער איז געווען שכל'דיג, ער האָט עקזיסטירט ווייל ער איז געווען "פאַרנינפטיג".

און ווען צייטען און אומשטענדען זאָלען זיך ניט בייטען, וואָלטען מנהגים זיך אויך ניט געביטען, זיי וואָלטען תמיד געווען שכל'דיג.

צייטען אָבער בייטען זיך, אומשטענדען בייטען זיך, און אַ מנהג וועלכער איז געווען שכל'דיג און האָט זיך צוגעפּאַסט אין אַ געוויסע צייט, אונטער געוויסע אומשטענדען, קען ניט זיין שכל'דיג אין אַ שפּעטערע צייט און וואָלט געווים נאַריש געווען אין אַ פריהערע צייט.

און דער מנהג וועלכער בייט זיך ניט מיט די אומשטענדען מוז ווערען אַ נאַרישער מנהג.

לאָמיר נעהמען אַ ביישפּיעל:

ס'איז א מנהג ביי אידען צו לייענען די תורה מאנטאג און דאנערשטאג.

פון וואנען שטאמט דיזער מנהג?

ווען אידען האבען געהאט זייער לאנד און זייער שפראך, האבען זיי געהאט איידעלע, קלוגע פיהרער, היינט האבען זיי דאס ניט, דאס איז זייער אונגליק. ירושלים, די הויפט־שטאדט פון ארץ ישראל, פלעג האבען צוויי מארק־טעג (ירוד'עו) אין וואך.

איין מארק־טאג מאנטאג, דער צווייטער דאנערשטאג.

און א קלוגער, דעמאקראטישער פארשטעהער פון אידישען פאלק, צי ס'איז געווען עזרא צי אן אנדערער מאכט ניט אוים, האט איינגעפיהרט אז אין דיזע צוויי מארק־טעג, ווען די דארפס־לייט, וועלכע הערען קיין מאל קיין העכער, גייסטיג ווארט, קומען אין שטאדט אריין, פארקויפען זייערע סחורות, זאלען אויך האבען די געלעגענהייט צו הערען די תורה, און מיט איהר בעקאנט ווערען.

און דאריבער האט ער איינגעפיהרט אז אין דיזע צוויי טעג זאל מען לייענען די תורה.

זאל יעדער איד זיין בעקאנט מיט דער תורה?

דאס איז א שטיק דעמאקראטיע פון איידעלסטען סארט.

צו יענער צייט, און אין ארץ ישראל, איז דאס געווען א שעהנער, שכל'דיגער מנהג.

שטעלט זיך אבער פאר דיזען מנהג היינט!
וואס פאר א זין האט ער היינט!
און נאך אין אמעריקא!
ווער דארף איהם און וועמען נוצט ער!
זיין צייט איז פאראיבער.
די אומשטענדען האבען זיך געביטען.
דער מנהג אבער איז נאך פאראן.
איז ער טאקע חוזק!
מ'ל זיין איז אן אלטער מנהג.
מעגליך, געווען א שכל'דיגער מנהג אמאל.
אמאל אין אזיען.
אבער היינט!
היינט איז ער א בלוטיגער חוזק.

ס׳איז דא ווערטה צו באמערקען אז פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן שעכטער אין זיין בוך ״שטודיום אין יודענטום״ זאגט אז א מנהג איז א רעליגיעזע צערעמאָניע פאר וועלכער עס געפינט זיך ניט קיין אויטהאָריטעט ניט אין דער תורה ניט אין תלמוד״. מל זיין איז נאטירליך א דין מן התורה.

8.

אַלטער מנהג און יונגער דור!

וזען ביים אַלטען די לויה
תויבט צו לעבען אַן דאָס נייע.
ל. ר.

אין א קליין שטעדטעל איז געווען א קליין בית־המדרש.
א קליין בית־המדרש האָט א קליינע נידריגע טהיר.
אידען, יונג און אלט, פלעגען זיך איינבויגען ביים אריינגעהען אין בית־המדרש.
נור וואָס איז בויגען זיך ביי אידען!
די וועלט שטעהט אָבער ניט אויף אַן ארט.
די קהלה אויך ניט!
דאָס בית המדרש, אָבער, יא.
און ווען אידען האָבען געזעהן אז דאָס בית־המדרש ווערט צו קליין האָבען זיי בעשלאָסען בויען א נייעם בית־המדרש, א גרעסערען.
נור אזוי ווי קהל איז געווען אָרים, האָט מען בעשלאָסען צו בויען דאָס נייע בית־המדרש אויף דעם פּלאַץ פון אַלטען, כדי די ציעגעל פון אַלטען זאָלען קענען פארנוצט ווערען פאר׳ן נייעם.
און מיט יעדען ציעגעל וואָס דאָס אַלטע איז נידריגער געווארען איז דאָס נייע בית־המדרש העכער געוואָרען.
און וועהרענד דאָס נייע האָט זיך לאנגזאם געבויעט און דאָס אַלטע איז לאנגזאם צושטערט געווארען, האָבען אידען דערווייל ווייטער געדאווענט אין קליינעם בית־המדרש.
און דאָס נייע בית־המדרש האָט זיך אזוי לאנגזאם געבויעט ווי לאנגזאם ס׳איז דער גאנג פון פּראָגרעס.
און אזוי איז געווען!

בויענדיג דעם נייעם טעמפעל האט מען אויסגעריסען א ציעגעל נאך א ציעגעל פון אלטען בית־המדרש און אריינגעמויערט אין נייעם, און אזוי ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, איז דאס נייע בית־המדרש געווארען אלץ גרעסער דאס אלטע אלץ קלענער און דער לעצטער ציעגעל צום נייעם בית־המדרש איז געווען דער לעצטער ציעגעל פון אלטען.

דער אריינגאנג פון גרויסען נייעם בית־המדרש איז געווען געבוים פונקט איבער דער טהיר פון קליינעם בית־המדרש, נור אזוי ווי די אלטע נידריגע טהיר פון קליינעם בית־המדרש האט נים געקענט פארנוצט ווערען פאר'ן נייעם, גרויסען טעמפעל, איז די טהיר געבליבען דאס לעצטע און איינציגע שטיק פון אלטען, קליינעם בית־המדרש. וואס האט זיך נים צוגעפאסט צום נייעם.

און איז דאס נים די גרויסע טראגעדיע אין לעבען ! דאס אלטע קען זיך נים צופאסען צום נייעם !

דאס קליינע, נידריגע טהירעלע איז געשטאנעןביים אריינ־גאנג פון נייעם, גרויסען בית־המדרש לאנג נאך דעם ווי דער לעצטער ציעגעל פון אלטען איז שוין געווען אריינגעמויערט אין נייעם. ווייל כאטש דאס אלטע איז שוין געווען לאנג צושטערט, איז אבער דאס נייע נאך נים פארטיג געווען.

און דערפאר איז אויסגעקומען אז די אידען וועלכע זיינען גע־גאנגען דאווענען בשעת דער נייער טעמפעל האט זיך געבויעט, האבען אהין געמוזט אריין־געהען דורך דער נידריגער טהיר פון אלטען בית־המדרש און האבען זיך געמוזט בויגען.

אבער די צייט שטעהט נים.

דאס נייע גרויסע בית־המדרש איז שוין לאנג פארטיג געווא־רען. דאס קליינע, נידריגע איז שוין לאנג פערשווינדען געווארען. פערשוואונדען איז שוין אויך דאס קליינע נידריגע טהירעלע וואס איז געשטאנען ביים אריינגאנג פון נייעם בית־המדרש. דאך, די אידען וועלכע האבען אזוי לאנג זיך געבויגען ביים אריינגעהן אין בית־המדרש דורך דער קליינער טהיר, האבען נים אויפגעהערט צו בויגען זיך ביים אריינגאנג פון נייעם, גרויסען טעמפעל.

בויגען זיך ביים אריינגאנג איז געווארען א מנהג.

אין אמת'ן, וואס איז אזוי לייכט ביי אידען ווי בויגען זיך.

מיט דער צייט האָבען אידען פערגעסען פון וואנען דער מנהג פון בויגען זיך שטאמט.

און פון מנהג איז מיט דער צייט געוואָרען אַ דין. יעדער וואס איז דורכגעגאנגען דורך דער טהיר פון נייעם טעמפעל האט געמוזט איינבויגען זיין רוקען.

און אידען האָבען געבויגען זייערע רוקענס.

און ווער ס'האט ניט געוואָלט בויגען זיין רוקען איז בעטראכט געווארען פאר אן אפיקורס.

אמאָל איז אין שטעדטעל געקומען צו גאסט אן אלטער איד וועלכער האָט געוואוסט פון מנהג פון בויגען זיך ביים אריינגאנג פון נייעם מית־המדרש.

דער אלטער איז געקומען מיט זיין יונגען זוהן.

ביידע זיינען געגאנגען דאַוונען.

אזוי האָט דער אלטער פערלאנגט.

קומענדיג נאָהענט צום נייעם בית־המדרש רופט דער טאטע זיך אָב צום זוהן: ״זוהן לעב, דאָ איז פאראן אַ מנהג פון בויגען זיך ביים אריינגאנג פון נייעם בית־המדרש, וועל איך דיך בעטען, זוהנעלע, זאָלסט מיר קיין שמערץ ניט פערשאפען און זיך בויגען גלייך מיט אלע אידען.

״איך!״ האָט דער זוהן געפרעגט, ״איך זאָל זיך בויגען! פארוואס און פאר וועמען?״

״יעדער בויגט זיך קינד!״ האָט דער אלטער געענטפערט, ״בויג דיך אויך!״

״ניין טאטע, איך בייג זיך ניט!״ האָט דער זוהן ענטשלאָסען געענטפערט, ״אמת, יונגע מוזען פאָלגען וואס אלטע פארשטעהן, טאָ לאָז, טאטע, מיך הערען דעם שכל פון מנהג״.

״קינד מיינס״, האָט דער אלטער אין כעס געענטפערט, ״דאס איז אַ מנהג און פארשטעהען איהם איז ניט נויטיג!״.

״דאן״, האָט דער זוהן ענטשלאָסען געזאָגט, ״געה דו טאטע נאָך'ן מנהג. איך וועל געהען נאָך'ן שכל!״

״ביזטו קלוגער פון דער גאנצער וועלט?״ האָט דער טאטע שטארק אין כעס געפרעגט.

"גיין! דאס שטעדטעל דא איז ניט די גאנצע וועלט און צו וויסען מעהר ווי די אידען וועלכע האלטען זיך אין א נארישען מנהג, הייסט ניט וויסען פיעל, און ניט וועלען זיך בויגען פאר קיינעם הייסט ניט זיין קלוגער פון דער גאנצער וועלט!" האט דער זוהן, וועלכער האט געוואוסט פון וואנען דער מנהג פון בויגען זיך שטאמט געענטפערט אין אן ערענסטען טאן. "פריהער, טאטע", האט דער זוהן פייערליך אויסגערופען, "איז דא געשטאנען א קליין בית־המדרש'ל מיט א נידריגען דאך און מיט א קליין נידריג טהירעלע און מען האט געמוזט בויגען דעם רוקען ביים אריינגעהען, אבער פארוואס זיך בויגען היינט ווען ס'איז פאראן א גרויסע שעהנע טהיר צום אריינגעהן?"

"פריהער, טאטע, האט מען זיך געבויגען צו דער נויטווענדיג־קייט. די נויטווענדיגקייט האט בעשאפען א מנהג. היינט ווען די נויטווענדיגקייט איז פערשוואונדען בויגט מען זיך צום מנהג".

"בויג זיך, טאטע, אויב דו ווילסט! זאלען זיך אלע בויגען, איך בויג זיך ניט!"

און דער אלטער איז נאכגעגאנגען דעם מנהג.

דער יונגער—דעם פערשטאנד.

און אזוי האבען זיך זייערע וועגען צושיידט, און פרעמדע זיינען געווארען טאטע און זוהן.

קען דאס אנדערש זיין!

9.

אלטע מנהגים אין ליכט פון מאדערנע פארשונג.

יענע וועלכע שרעקען זיך פאר די פריסטערס פאבלען, קענען זיך פון זייער שרעק בעפרייען מיט דער הילף פון דער וויסענשאפט פון ווירקליכקייטען.

ע פ י ק ו ר.

פאר דער וויסענשאפט זיינען ניט פאראן קיין קליינע און גרויסע זאכען. אלעס איז גרוים און אלעס איז וויכטיג.

די וויסענשאפט, אדער א ספעציעלע צווייגעלע פון איהר גיט זיך אב מיט אויספארשען פון וואנען עס שטאמען אלטע מנהגים און דינים פון היינטיגע פעלקער.

ווי לעבערליך א מנהג זאל אונז היינט ניט אויסזעהען, האט ער אמאל געהאט א גרונד צו עקזיסטירען.

אז מ'ל זיין איז א מנהג וועלכער האט איבערגעלעבט זיין צייט, וועלען מיר זעהען שפעטער.

ביי אידען געפינען זיך פיעלע אזעלכע מנהגים, מאנכע פון וועלכע זיינען פיעל עלטער פון אידישען פאלק.

פיעלע מנהגים זיינען דורך דעם הייליגען שימעל פון אלטקייט געווארען דינים.

מ'ל זיין איז אזא דין. ניט שערען די בארד—איז א צווייטער.

אנדערע, כאטש זעהר אלט, זיינען געבליבען מנהגים, נור דאס פאלק איז תמיד און איבעראל קאנסערוואטיוו און צי א דין צי א מנהג, עס האלט זיך דערמיט, אפשר, אפשר, איז עס וויכטיג. אפשר העלפט עס עפעס.

לאמיר נאכפאלגען א וויית־פערשפרייטען מנהג צווישען אידישען פאלק. פיליכט וועלען מיר דערגעהען פון וואנען ער האט זיך גענומען. און דאס וועט אונז העלפען פארשטעהן פון וואנען אנדערע מנהגים און דינים האבען זיך גענומען, אדער געקענט נעהמען.

ביי די אידען איז פאראן א מנהג אז פאר דער חופה "בע־זינגט" מען די כלה.

הייסען הייסט עס אז מען "בעזינגט" די כלה אין אמת'ן אבער בעוויינט מען זי.

פון וואנען שטאמט אט דיזער מנהג צו וויינען אין דער פרעה־ליכסטער צייט פון לעבען?

ווי פאסט זיך איבערהויפט געוויין ביי אזא פייערליכער גע־לעגענהייט?

מוזיק, געזאנג, טאנצען, לעקאך־און־בראנפען און אויף איינ־מאל א געוויין! ווי פארשטעהט מען דאס?

ווען א לעבען פארגעהט איז די גרעסטע שמערץ.

דא פאסט זיך געוויין.

וואו א לעבעֵן ענשטעהט איז די גרעסטע פרייד.
ווי פאסט זיך דא נעוויין !
נאך מעהר. דיזער מנהג זעהט נארניט ביי קיינעם ניט אויס נאריש, פערקעהרט. מען קוקט דארויף ווי אויף א חלק פון דער חתונה צערעמאָניע.
די מאמע וויינט, די שווינער וויינט, אלע מוהמעס און באָבעס וויינען, די כלה וויינט, איהרע חברות וויינען, פרעמדע וויינען, אלעם וויינט !
ניט די כלה א פרעג "וואס וויינסטו טאכטער ?"
וועט זי נעווים ענטפערען אז איהר מאמע האט נעוויינט פאר דער חופה, וויינט זי אויך.
אט איז דער זין פון דיזען נארישען מנהג !
ביי פיעלע האלב־ציוויליזירטע פעלקער ווערט די יונגפרויי־שאפט פון א מיידעל געהאלטען פאר א סימן פון גרויס צניעות.
ביי פרימיטיווע מענשען ווי ביי קינדער שפיעלט דער "אנ־שטעל" אָדער דאָס "נאָכמאכען" א גרויסע ראָלע.
וועמען איז ניט בעקאנט ווי א קינד אז עס וויל עפעס אויס־פיהרען ווערט עס כלומר'שט ברוגז ?
דער איד. אט דיזער דערוואקסענער קינד, לעגט זיך אוועק ערב יום־כפור און כלומר'שט ניט מען איהם ניין און דרייסיג שמיץ, דאס מאכט ער אז אנשטעל פאר'ן באשעפער פון אלע וועלטען.
און וואס איז דער מכירת־חמץ אויב ניט א נארישער אָנשטעל פון דעם איד געגען זיין גאט ?
אט דיזער אָנשטעל שפילט א ראָלע ביי פרימיטיווע פעלקער.
דאס מיידעל פון א האלב־ווילדען שבט מוז כלומר'שט וועלען בלייבען אונבעריהרט (סעקסועל).
זי מוז כלומר'שט ניט וועלען חתונה האבען.
דער מנהג איז, אז זי מוז עפענטליך ארויסצייגען אז כלומר'שט זי וויל דעם חתן ניט קענען.
ספענסער ברענגט פאלגענדען פאקט פון א נעוויסען פרימי־טיווען שבט : "דער חתן איז געקומען צו דער כלה און דריי טעג נאָכאנאנד האט ער פרובירט זיך צו איהר צו דערנעהנטערען מיט צערטליכקייטען און זי האט צוריק געענטפערט מיט קלעפ מיט די

פויסטען און שטעקענעס. ענדליך, צום דריטען טאָג, איז זי ווייכער געוואָרען און פאַר איהם געקאָכט א מאָלצייט.

לויט דעם מנהג פון איהר שבט מוז זי כלומר׳שט ארויסצייגען אונצופריעדענהייט מיט׳ן חתן, ס׳איז ניט שעהן ארויסצוצייגען צופריעדענהייט פון דער חתונה, ס׳איז ניט מאָראליש.

און ווייטער ציטירט ספענסער פאָלגענדען פאקט: ״צווישען די אראַבער פון סיני פארטיידיגט די כלה זיך געגען חתן מיט שטיי־נער און אפט מאָל פארוואונדעט זי דעם חתן גאַנץ ערענסט כאטש אין אמת׳ן האָט זי איהם גאָרניט פיינט.

ווייל לויט א מנהג, וואָס מעהר זי קעמפט געגען חתן, וואָס מעהר זי בייסט, בריקעט, שרייט און שלאָגט, אלץ מעהר ווערט זי געלויבט פון איהרע הברות.

וועהרענד די אונטערפיהרער ברענגען זי צום חתן׳ס געצעלט, פערלאַנגט פון איהר די אנשטענדיגקייט, אז זי זאָל וויינען מיט ביטערע טרערען.

זי מוז צייגען אז זי איז כלומר׳שט ניט צופריעדען.

יעדער איד ווייסט אַז די אידען האָבען א לאַנגע צייט גע־וואוינט אין סיני.

מאַנכע אויטאָריטעטען ווילען האָבען אז די אידען שטאַמען אין גאַנצען פון דער האַלב־אינזעל סיני.

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, ווען די כלה וויינט היינט פאַר דער חופה לאָזט זי דער וועלט וויסען אַז זי איז ניט צופריעדען פון דער גאַנצער פּאַסירונג.

אזוי איז געווען דער מנהג פיער טויזענד יאָהר צוריק, אזוי איז דער מנהג היינט.

אַז דאָס וויינען היינט פאַר דער חופה איז זינלאָז דאָס וועט יעדער מענש מיט שכל צוגעבען.

מען וויינט אָבער. ס׳איז א מנהג.

די אידען האָבען פיעלע אַזעלכע מנהגים מיט וועלכע זיי וואָלטען זיך זיכער היינט געשעהמט ווען זיי זאָלען וויסען זייער אורשפּרונג.

ברית־מילה איז איינער פון זיי.

.10

טאָלעראַנץ און רעליגיעזע דומהייטען.

דאָס צוברעכען פון געטער, צי אַל־
סע צי נייע, איז תמיד געווען די
הייליגע מיסיאָן פון יודענטום.
פראָפ. ס. שעכטער.

טאָלעראַנץ און רעליגיעזע דומהייטען.

נאָכפאָלגענדיג דיזען, וועט דער לעזער געפינען א קאַפּיטעל איבער אברהם'ן.

אונטער דעם טיטעל "הימעל און ערד" האָט דער שרייבער פון דיזע ציילען געשריבען א רייהע ארטיקלען אין משך פון עטליכע יאָהר אין דער "פרייער ארבייטער שטימע". איינער פון דיזע ארטיקלען איז געווען איבער אברהם'ן.

פיעלע בריעף זיינען פון שרייבער ערהאַלטען געוואָרען און לויט דעם אינהאַלט פון דיזע בריעף זיינען כמעט אַלע געקומען פון געבילדעטע אידען, מאַנכע רעליגיעזע, מאַנכע פרייע, אַבער אַלע ערענסט און אויפריכטיג.

און כמעט אַלע האָבען געהאַט איין טענה, נעמליך, די אונ־טאָלעראַנץ פון שרייבער צו א ביבליעשער פּערזאָן וועלכע די אידען בעטראַכטען פאַר זייער שטאַם־פאָטער.

מיר וועלען צוגעבען אז מאַנכע אויסדריקע אין יענעם ארטי־קעל זיינען ניט געקליבענע. מיר וועלען אויך צוגעבען אז די מיינונג פון שרייבער איבער אברהם'ן, אויב אַזעלכע האָט אַמאָל עקזיס־טירט, איז ניט קיין גינסטיגע, זאָגאַר זעהר א שלעכטע, ווער אַבער איז שולדיג אין דעם ?

צי פערלאַנגט די מדה פון טאָלעראַנץ אז מיר זאָלען זאָגען אז שוואַרץ איז ווייס ?

טאָלעראַנץ איז א שעהנע מדה, אַבער ז'האָט א גרענעץ! טאָלעראַנץ אָהן א גרענעץ איז שעדליך.

וואָס וואָלט געווען ווען אברהם אליין איז טאָלעראַנט אין רעליגיעזער הינזיכט ?

די אידעז וואלטעז אפשר נאך היינט נעדיינט צו די אלע גע־
צעז צו וועלכע תרח האט גיידיענט.

ווייל פאסט זיך עפעס טאלעראנץ מיט'ן צוברעכעז דעם טא־
טען'ס געטער.

און דאך איז אברהם געפעלען געווארען דעם וועלטענשעפפער
דוקא דורך דיזער אונטאלעראנץ! ער איז געווען א געטער ברעכער!

און פרובירען מיר דען מעהר ווי צוברעכען דעם טאטען'ס
געצען.

דער פארשרייט פערלאנגט אז דעם טאטען'ס געטער זאלען צו־
בראכען ווערען. און פארשריט דולדעט ניט קיין אונטאלעראנץ,
היינט ווי קען דאס צוברעכען פון געטער זיין אן אקט פון אונ־
טאלעראנץ?

אין רעליגיעזע ענינים דארף ניט זיין די פראגע טאלעראנט
אדער אונטאלעראנט, נור אמת צי ניט אמת.

דער שרייבער גלויבט אז דער כאראקטער פון אברהם'ן איז ניט
קיין שעהנער און ניט קיין ריינער.

גלויבט דער שרייבער אזוי ווייל ער איז אונטאלעראנט?

אדער איז ער אונטאלעראנט ווייל ער גלויבט אזוי?

די פראגע דארף זיין בלויז דיזע, נעמליך, צי לויט די פאקטען
ווי די תורה גיט זיי איבער איז אברהם'ס כאראקטער אזעלכער אז
א מענש, אפילו ניט פון דער מאדערנער צייט, זאל איהם קענען
רעספעקטירען?

דעם שרייבער'ס מיינונג איז, אז לויט די פאקטען פון דער
תורה איז אברהם, אפילו פון שטאנדפונקט פון זיין אייגענער צייט,
ניט קיין פארשוין אויף וועמען אפילו א מענש פון זיין צייט זאל
קענען שטאלץ זיין שוין ניט ריידענדיג פון א מענש פון אונזער
צייט!

נאטירליך וואלט מען געקענט זאגען, וואס נעהמט עס אונז
היינט אן צי אברהם איז געווען א שעהנער מענש צי ניט!

איז דער ענטפער, אז אונז, היינט, געהט עס שטארק אן.

דער דין פון מל זיין שטאמט פון איהם, פון אברהם'ן.

ס'איז א בלוטיג שטיקעל ארבייט, א העסליך שטיק יעצעג־
דיענסט פון נידריגסטען סארט.

אברהם, זאָגט די תורה, האָט עס גענומען דירעקט פון וועל־טענשעפּפער. אויב דאָס איז אמת, פאַלען אַוועק אַלע פראַגעז. טאָמער אָבער איז דאָס ניט אמת?

אַז אַזאַ בלוטיג שטיקעל ארבייט זאָל שטאַמען פון אברהם׳ן איז לייכט גלויבליך. האָט ער דאָך ביי זיך גע׳פּועל׳ט צו קוילען זיין איינציג קינד און דוקא פון גאָט׳ס וועגען!

צי איז עס אָבער גלויבליך אַז דער בעשעפער פון הימעל און ערד, זון און לבנה, וועט פערלאַנגען פון אַ מענשען אַזאַ בלוטיג שטיקעל ארבייט?

און כדי צו וויסען צי דיזער דין קומט צו אברהם׳ן פון גאָט, מוזען מיר זעהען וואָס איז דער כאַראַקטער פון דיזען אברהם? איז ער אַזוי הויך מאָראַליש, ריין אין פאַמיליען לעבען, ערהאבען רעליגיעז, אַז דער איינציגער גאָט, זאָל דורך איהם גיבען אַ געבאָט וואָס מיליאָנען אונגעבוירענע דורות וועלען מוזען האַלטען טראָץ דעם מאוס׳קייט און בלוטיגקייט פון דיזען געבאָט?

איז אברהם געווען אַ מענש מיט שכל און וועלט־קענטנים גענוג צו פאַרשטעהען אַז אַ בלוטיגער מנהג, אַ פינף טויזענד יעה־ריגער מנהג פון פינסטערען אזיען וועט זיך פּאַסען פאַר אַ שפּע־טערער ציוויליזירטער וועלט?

און ווי אַזוי קענען מיר דאָס וויסען סיידען מיר בעקענען זיך גענוי מיט אברהם׳ן און זיין כאַראַקטער?

און ווי אַזוי קענען מיר זיך מיט איהם בעקענען?

די אוטענטישע געשיכטע ווייסט פון איהם ניט, און מיר האָבען עס אויך ניט נויטיג.

איז די תורה ניט מעהר בעגלויבט פון אַלע געשיכטען?

און וואָס פאַר אַ כאַראַקטער איז אברהם׳ס לויט דער תורה?

דער מאָדערנער איד איז היינט, אין צוואַנציגסטען יאהרהונ־דערט, מל זיין קינד ווייל אברהם האָט מל געווען זיין קינד, מיט פיערציג יאהרהונדערטע צוריק.

איז אָבער מל זיין דאָס איינציגע וואָס אברהם האָט אין זיין לעבען געטהון? ער האָט דאָך געטהון נאָך זאַכען, פאַרוואָס איהם ניט נאָכטהון אין אַלעם וואָס ער האָט געטהון?

אברהם האט חתונה געהאט מיט זיין דיענסט, פארוואס זאל דער איד פון היינט איהם ניט נאכטהון אויך אין דיזען?

אברהם האט געפיהרט זיין קינד צו דער שחיטה, וועט עס דער מאדערנער איד טהון?

אברהם האט געהייסען זיין פרוי זאגען א ז'איז זיין שוועסטער כדי זיין לעבען צו רעטען, וואלט עס א מאדערנער איד טהון?

נאך שרה'ס טוידט האט אברהם חתונה געהאט מיט עטליכע קעבס־ווייבער, וועט דאס א מאדערנער איד אויך טהון?

געווים, זאגט איהר, וועט דאס א מאדערנער איד ניט טהון!

איהר וועט גאר אפשר לאכען פון שרייבער פאר'ן פארגלייכען דעם מאדערנעם איד מיט אברהם'ן.

איהר וועט, מיט רעכט פרעגען ווי קען מען פערלאנגען אז דער איד פון היינט זאל זיך אויפפיהרען אזוי ווי אברהם האט זיך אויפגעפיהרט מיט פיער טויזענד יאהר צוריק?

און אייער פראגע איז אונזער געשריי.

און מיר זאגען, אז אויב ס'איז ניט שעהן פאר'ן מאדערנעם איד נאכצוטהון אברהם'ן און חתונה האבען מיט דער דיענסט האבענדיג זיין פרוי ביי דער זייט.

אויב ס'איז ניט שעהן פאר'ן מאדערנעם איד צו פיהרען זיין קינד צו דער שחיטה.

אויב די אנדערע זאכען זיינען ניט שעהן וועלכע אברהם האט געטהון, איז מל זיין, דיזער בלוטיגער מנהג, טויזענד מאל וועניגער שעהן.

און אויב די אנדערע זאכען וועלכע אברהם האט געטהון זיינען ניט קיין שעהנע, א סימן דער איד טהוט זיי ניט נאך, פארוואס איז עס ניט טאלעראנט צו זאגען אויף ניט קיין שעהנע זאכען אז זיי זיינען ניט שעהן?

מיר וואלטען וועלען זעהן דעם איד וועלכער וייסט פון וואנען מל זיין שטאמט און שעהמט זיך ניט דערמיט!

און איז זיך שעהמען מיט א שענדליכען מנהג, און עס אפען ארויסזאגען אן אקט פון אונטאלעראנץ?

אויב יא, ערקלערען מיר זיך שולדיג!

יעדען שולדיגען, אבער, ערלויבט די וועלט א פערטיידיגונג.

אַט איז אונזער פערטיידיגונג.

ס׳איז נאַריש צו רעספּעקטירען דאָס אַלטע בלויז ווייל ס׳איז אַלט, ווייל אויב יאָ, מוזען מיר תרח׳ן מעהר רעספּעקטירען איידער אברהם׳ן, ווייל תרח איז עלטער, און האָט דער איד עפּעס גרויס דרך־ארץ פאַר׳ן ״אַלטען תרח?״

דער גלויבען אין פיעלע געטער איז עלטער איידער דער גלויבען אין איין גאָט, און ווער רעספּעקטירט היינט פיעל־געטעריי?

דער נאַר איז עלטער פון חכם, דער ווילדער איז עלטער פון ציוויליזירטען מענש, קען אימיצער דערפאַר רעספּעקטירען דעם נאַר אָדער דעם ווילדען?

הערבערט ספּענסער, אין אַלע זיינע ווערק, אַ חוץ ווען ער רעדט איבער סאָציאַליזמוס, איז טאָלעראַנט ווי עס פּאַסט פאַר אַן ערשט־קלאַסיגען פילאָזאָף. דיזער גרויסער דענקער, זיך שטיצענדיג אויף פאַקטען געזאַמעלט אין אַלע וועלט־טהיילען, ווילדע און האַלב־ווילדע, האַלב־ציוויליזירטע און ציוויליזירטע, קומט צו פאָלגענדען שלוס, וועלכען ער ציטירט פון אַן אַנדערען:

״אין דעם גרויסען פעלד פון מענשליכער געשיכטע, איז שווער צו געפינען אַ ביישפּיעל פון אַ פּרימיטיוועז שבט אָדער נאַציאָן, וועלכע האָט ניט געהאַט איהר גאָט־בעגייסטערטען נביא, אָדער פאַרגעטערטע אבות (מענשען ביים לעבען און געטער נאָכ׳ן טוידט. ל. ר.).

״דער מענש־גאָט וועלכען די קאַנזשאַרען (אַ שבט אין אינדיען) דיענען איז ״מאַנאָ״ (מאַנאָ דאָס זעלבע וואָס מאַן, מענש, אדם. ל. ר.) אַ נאָמען וועלכען מען געפינט ניט אין דער ליסטע פון די געטער פון די הינדוסער.

״בעת ער האָט געלעבט צווישען מענשען, איז ער געוועזען דער גרעסטער קריעגער, דער גרעסטער יעגער, גרעסטער קינסטלער, און אַן אונבעזיעגבאַרער עלטסטער (הויפּטמאַן).

״ער איז ניט נור געוועזען אַ רבי און אַ פיהרער, נור אויך דער גרינדער און טאַטע פון שבט.

״ער איז דערפאַר צו די קאַנזשאַרען וואָס העלען איז געוועזען צו די גריכען, ראָמולוס צו די רוימער, אברהם צו די אידען און ישמעאל צו די אַראַבער......

.....''ווען די שבטים קומען זיך צונויף תפילה צו טהון צו זייער געמיינזאמען פאטער ''מאנא'' ווערט ניט קיין מזבח און ניט קיין בילד אויפגעשטעלט. נור די וועלכע דיענען גאט קומען זיך צוזאמען אונטער א בוים און ארום איהם און זיינען מקריב א קרבן אמאל א חזיר. אמאל א ציעג, א שאף, אן עוף. פריהער, זאגט מען. פלעגען זיי מקריב זיין א קינד.

''זיי טאנצען ארום דעם בוים פאר דעם כבוד פון מאנא, און זינגען שירים לויבענדיג מאנא'ס חכמה און העלדען־טהאטען. די צערעמאָניע שליסט זיך מיט א פרעהליכע סעודת־מצוה וואו אלע שכור'ן זיך אן.

''איידער זיי ווערען שטארק שכור, טרעט אמאל ארויס איינער פון דער מאסע און ערקלערט אז ער איז אנגעפילט געווארען מיט'ן רוח־הקודש. ער הערט אויף צו עסען און טרינקען און בלייבט שטעהען ביים בוים מיט צוגעמאכטע אויגען ווי בעוואוסטלאז.

''אויב עס כאפט איהם אן א ציטערניס, גלויבען אלע אז דער גייסט פון מאנא איז אין איהם אריין, און ער ווערט אלס נביא בעטראכט און אלע וואס נויטיגען זיך אין הילף ווענדען זיך דאן צו איהם ער זאל זיי ארויסהעלפען פון זייערע צרות''.

פון דער אויבען־געבראכטער ציטאטע איז קלאר צו זעהען אז ספענסער פערגלייכט אונזער אברהם מיט מאנא. ער ציינט אויך אז אויך אנדערע רעליגיעזע מנהגים פון דיזע ווילדע אדער האלב־ציוויליזירטע שבטים וועלכע זיינען אונז אידען ניט אין גאנצען פרעמד. איז ער דערפאר אונטאלעראנט?

.11

וואָס איז אברהם'ס כאַראַקטער לויט דער תורה?

מיר טאָרען קיין אכטונג ניט שענ־קען צו איבערנאַטירליכע אויטהאָ־ריטעטען, און מיר טאָרען ניט ציהען קיין נוצען פון דער אונ־וויסענהייט פון אַנדערע.

קאָנפוציוס.

יעדעס פאָלק האט זיך זיינע העלדען אויף וועלכע עס איז

שטאַלץ. איז די פראַגע צי האָבען מיר אידען אַן אורזאַך צו שטאָל־צירען מיט אונזער העלד אברהם.

א מענש מוז געאורטהיילט ווערען נאָך זיינע האַנדלונגען. די פּראַגע איז בלויז, צי זאָלען מיר אורטהיילען אברהם'ן פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, צי פון דעם שטאַנדפּונקט פון אונזער צייט?

און דער ענטפער איז: אויב די תורה, וועלכע דערצעהלט אונז וועגען אברהם'ן זאָל זיך געפינען אין א גלעזערנע שאַפע אין בריטישען מוזעאום, גלייך מיט דער אַלטער טרונע פון ראַמסעס דעם צווייטען, בלויז אַלס א קוריאָזיטעט פון א פערגאַנגענער וועלט, וואָלטען מיר איהר אינהאַלט געמעגט בעטראַכטען פון דעם שטאַנד־פּונקט פון יענען צייט, אין וועלכער די נאַרישקייטען, וועלכע זי דערצעהלט, זאָלען האָבען פּאַסירט. ווען אָבער מען צווינגט אונ־זערע קינדער אין שולען צו לערנען די ביבעל, דאַן איז אונזער פליכט צו אורטהיילען יענע מעשה'לעך פון דער תורה פון דעם היינטיגען שטאַנדפּונקט, ווייל די יעניגע, וועלכע צווינגען די קינדער צו לעזען די ביבעל, דערצעהלען זיי ניט דעם אמת, זיי דערצעהלען ניט פאַר די קינדער, אַז די תורה איז א פערפאַסונג פון א מאַסע אַלטע, אונ־וויסענדע געצענדיענער פון בבל, אשור און מצרים. זיי דערצעהלען זיי ניט, אַז דאָס, וואָס דאָרט ווערט דערצעהלט, איז ניט קיין אמת, עס האָט קיין בעווייזע און האָט קיין דאַטומס ניט, זיי דערצעהלען די קינדער ניט, אַז די ליגענס, ברוטאַליטעטען און פערדאָרבענהייט, וואָס ווערען דאָרט דערצעהלט, שטאַמען פון ווילדע, אַזיאַטישע שבטים און זיינען מיאוס און שענדליך פאַר קינדער פון דער מאָ־דערנער וועלט, זיי דערצעהלען ניט די קינדער, אַז מיט טויזענדער יאָהרען פריהער, אין א ווילדער וועלט מיט ווילדע מענשען, האָבען ליגען און דומהייטען געשפּיעלט א גרויסע ראָליע און פילייכט אויך געווען א נויטווענדיגקייט, און די תורה האָט געדיענט פאַר דיזען צוועק. מיט אַנדערע ווערטער, זיי אינפאָרמירען ניט די קינדער איבער דעם אמת'ן כאַראַקטער פון דער תורה, נור די תורה ווערט פאַר זיי פאָרגעשטעלט, אַלס גאָט'ס וואָרט, אַלס דער אמת אַליין. און דאָס איז סם המות פאַר'ן קינד'ס גייסט.

און מיר וואָלטען זיך געמוזט שעהמען מיט אונזערע קינדער.

ווען זיי פֿאָלגען נאָך די מאָראַל פון דער תורה.

און אונזערע קינדער וואָלטען זיך ניט נור געשעמט מיט אונז, ווען מיר וואָלטען נאָכפֿאָלגען דעם ביישפּיעל פון אברהם אבינו, נור זיי וואָלטען אונז פֿעראַכטעט און פערדאַמט, און ווען זיי טהוען עס ניט, וואָלטען מיר זיי געדאַרפט פֿעראַכטען און פערדאַמען.

אורטהיילענדיג אברהם אבינו, לויט דעם יעצטיגען בעגריף פון מענשליכקייט, מאָראַל, יושר און אנשטענדיגקייט, וואָלט אַרויס־געקומען אַ שרעקליכע פֿערזעהעניש, נור אפילו לויט יענע צייטען, קריגען מיר פון אונזער היסטאָרישען העלד אַ ניט זעהר שעהנעם פאַרשוין.

אָט איז ער:

אברהם איז געבוירען געוואָרען "באור כשדים", דאָס מיינט אין דער שטאָדט "אור" פון "כאַלדעהען" (אַ טייל פון בבל). די איינוואוינער פון כשדים זיינען פערעכענט געווען פאַר כשוף־מאַכער, שטערען־זעהער און שוואַרץ־קינסטלער". אין דניאל ב' ווערט געזאָגט: "ויאמר המלך לקרא לחרטומים ולאשפים ולמכשפים ולכשדים וכו'.

זיין טאַטע תרח האָט איהם אַ נאָמען געגעבען אברם, און האָט איהם חתונה געמאַכט מיט שרה, ניט קיין פרעמדע און ניט קיין מיאוס'ע. דאַן האָט תרח גענומען אברם'ן, שרי'ן און לויט האָט פערלאָזען כשדים און האָט זיך געלאָזט געהן קיין כנען. ער איז אָבער ניט דערגאַנגען און איז אויפ'ן וועג געשטאָרבען.

ביז צו דיזער צייט האָט אברם גאָרנישט געטהאָן, וואָס ער זאָל דערפאַר קריגען די ליעבע פון יהוה.

און כאָטש ער איז שוין אַ איד פון פינף און זיעבציג יאָהר, האָט ער ביז דאַמאָלס פון גאָט ניט געוואוסט. יעצט ערשט, דער־צעהלט די תורה, אַז פון העלער־הויט, אָהן אַ פאַר־וואָס, אָהן אַ פאַר־ווען, קומט יהוה און זאָגט צו אברם'ן: לך לך מארצך וכו'. נעהמט אברם דאָס פעקעל און געהט, און ערשט, ווען אברם איז שוין אין כנען, ערפאַהרען מיט פון דער תורה, אַז אברם רופט צום ערשטען מאָל אין נאָמען פון יהוה, עפּעס וואָס איז שוין פיעל פריהער געטהאָן געוואָרען, נעמליך, נאָך אין די צייטען פון אנוש, דער זוהן פון אדם הראשון.

אלזאָ, דעם גאָט יהוה האָט אברם ניט ענטדעקט.

דערפאַר אָבער האָט אברם אָבגעטהאָן אַ מיאוס שטיקעל אר־בייט אין מצרים, אַזוי מיאוס, אַז דאָס פּנים מוז פלאַמען פאַר שאַנדע פון דעם אידען, וועלכער וויל, אַז זיין יחוס זאָל זיך דוקא אָנפאַנגען מיט אברהם׳ן.

הערט: גאָט שיקט איהם. ער געהט. ער געהט, ניט ווייל איהם פעהלט פּרנסה, ניין, ער איז אַן עושר. ער געהט, ווייל גאָט שיקט איהם. דערווייל, ווען ער קומט קיין כנען, און געפינט אויס, אַז דאָרט איז קיין ברויט ניטאָ, פערלאָזט ער זיך ניט אויף גאָט, וועלכער האָט איהם געהייסען געהן, נור ער געהט ווייטער, ביז ער קומט קיין מצרים. געקומען אין מצרים, געפינט ער אויס, אַז לויט דעם מנהג פון לאַנד, נעהמט דער קעניג צו זיך אין הארעם יעדע פרוי פון זיין לאַנד, וועלכע געפעלט איהם.

שרי איז געוועזן אַ שעהנע, אמת, און אַז דער העסליכער דעם־פּאָט זאָל זי וועלען האָבען ביי זיך, האָט אברם אויך פערשטאַנען, אברם האָט אָבער אויך פערשטאַנען, אַז לויט די רעליגיאָן פון די מצרים, טאָר דער הערשער ניט נעהמען קיין אשת־איש. און כּדי איהר יאָ צו נעהמען, מאַכט ער די פרוי פאַר אַן אלמנה, דאָס איז איינפאַך, פּראַקטיש און די רעליגיאָן האָט ניט דאַגעגען. צו דעם אַלעמען האָט אברם צוגעשטימט, אַ חוץ איין זאַך, ער האָט ניט געוואָלט, אַז זיין ווייב זאָל בלייבען אַן אלמנה.

נון, וואָס־זשע טהוט מען?

אַ איד, וועמען גאָט הייסט געהן, טהוט גאַרניט, נור ער פער־לאָזט זיך אויף גאָט. און אברם? אברם, וועלכער האָט ענטדעקט דעם בעשעפער פון הימעל און ערד, אברם, וועמען דער בעשעפער, דער אמת׳ער בעשעפער פון אַלע וועלטען, הייסט געהן, אברם, אונזער היסטאָרישער העלד, וועמען יהוה, בשעת ער הייסט איהם געהן, זאָגט איהם אויסדריקליך: געה: ״ועשאך לגוי גדול״, איך וועל פון דיר מאַכען אַ גרויסען פאָלק—דיזער אברם דערמאָנט אפילו ניט יהוה, פערלאָזט זיך אויף איהם ניט, נור ארבייט אליין אויס אַ פּלאַן, און וואָס פאַר אַ פּלאַן? זאָלען מיר דיזען שענדליכען פּלאַן, וועלכען אברהם האָט אויסגעאַרבייט אויס מורא פאַר׳ן טוידט, פון וועלכען ער האָט זיך אויסגעקויפט מיט דער שאַנדע

פון אונזער מאמע שרה, זאָלען מיר דאָ די העסליכע געשיכטע ווידערהאָלען? אויס דרעספעקט צום לעזער וועלען מיר עס אויסלאָזען.

איז אברם געווען אַ מאָראַליש ריינער מענש, אפילו נאָך דעם בעגריף פון יענע אַלטע באַרבאַרישע צייטען?

דעם ליגנער האָט מען געהאַלטען פאַר אַן אונמאָראַלישען מענש, אפילו דאַמאָלס, ווען גנב׳ענען איז נאָך געווען מאָראַליש.

אַז אַ ליגנער איז געשטאַנען נידריגער פון דעם, וואָס איז געווען אַ פייגלינג און אויך נידריגער פון דעם, וואָס האָט זיין אייגענע פרוי צוגערעדט צו פּראָסטיטוציאָן, קען מען זעהען דערפון, דאָס נאָך דעם, וואָס דיזע העסליכע געשיכטע ווידערהאָלט זיך אַ צווייטען מאָל, מיט אבימלך, דעם קעניג פון גרר, און נאָך דעם, וואָס דיזער דעספּאָט האָט אויך געהאַלטען שרי׳ן ביי זיך איבער נאַכט, זאָגט דיזער דעספּאָט צו אברם׳ס גאָט, ווען יהוה מאַכט איהם פאַרווירפע: ״הלא הוא אמר לי אחתי הוא, והיא גם הוא אמרה אחי הוא בתם לבבי ובנקין כפי עשיתי זאת״, וועלכעס מיינט: האָט ער מיר ניט געזאָגט, אַז זי איז מיין שוועסטער, און זי אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז איהר ברודער, מיט אַן אונשולדיגעס הארץ און מיט ריינע הענד האָט איך דאָס געטהאָן. הייסט עס, אַז צו נעהמען אין הארעם אריין אַ פרעמדע פרוי הארמאָנירט מיט ריינע הענד און אַן אונשולדיג הארץ. דאַגעגען שרייט דיזער דעספּאָט צו אברהם׳ן: ״פאַרוואָס האָסטו אונז דאָס געטהאָן? פאַרוואָס האָסטו אונז גענאַרט?״

און כאָטשביידע מאָל האָט אברם געזאָגט ליגען און בעגאַנגען בעטרוג, ווילען מיר דאָ איהם ניט רעכענען. איין ליגען אָבער האָט אברהם געזאָגט און אָבגענאַרט יהוה׳ן אַליין, און דערפאַר זיינען מיר אויף איהם ברוגז.

אברהם איז שוין פון פיעלע קריטיקירט געוואָרען. זאָגט דאָך אַ פרומער שרייבער אין דער דזשואיש ענציקלאָפּעדיע, אַז אברהם איז אַ געמיש פון גרויסעס און קליינעס. נור מיר ווילען דאָ אָנצייגען אויף אַ פאַקט, וואָס איז, ווי אונז שיינט, ביז יעצט פערנאַכלעסיגט געוואָרען, אַ פאַקט, וואָס צייגט אונזער העלד איז אַ זעהר מיאוס׳ן ליכט: אַ ליגנער פון ״גאָט׳ס גנאַדען״.

הערט און אורטהיילט:

ווען גאָט בעפעהלט, אז שרי זאָל בייטען איהר נאָמען אויף "שרה", זאָגט ער איהר צו, אז זי וועט האָבען א זוהן, פון וועמען עס וועלען ארויסקומען קעניגע און פעלקער. און די תורה דערצעהלט ווייטער: "ויפל אברהם על פניו ויצחק, ויאמר בלבו הלבן מאה־שנה יולד ואם שרה הבת תשעים שנה תלד", דאָס מיינט, אז אברהם האָט געלאַכט און אין הארצען געזאָגט: זאָל צו איינעם, וואָס איז הונדערט יאָהר אַלט, נאָך קינדער געבוירען ווערען?" און שפּעטער זאָגט שרה אַליין, אז איהר האר איז אַלט (ואדני זקן).

דאַכט זיך, קלאָר: אברהם, דער הונדערט־יעהריגער, לאַכט פון גאָט'ס פערשפּרעכען, אז ער זאָל נאָך קענען ווערען דער טאַטע פון א קינד. און ווער האָט נאָך געקענט וויסען בעסער פון אברהם'ן גופא?

און מיר ווייסען דאָך דעם אמת, אז אברהם איז קיינמאָל ניט געוועזן קיין גרויסער מפונק, ווייל ווען שרה שלאָגט איהם פאָר איהר דיענסט, הגר, פערשטעהט אברהם ניט קיין חכמות, נור ער נעהמט עס גאַנץ ערנסט. און דערפאַר האָבען מיר א רעכט צו גלויבען, אז ווען אברהם לאַכט פון גאָט'ס צוזאָג, איז ער אויך ערנסט. הייסט עס, אַלט איז אַלט, אברהם איז אַלט, קיין האָפנונג אויף קינדער, פיהלט ער, איז ניטאָ מעהר.

מילא, אז שרה ווערט טראָגעדיג, קענען מיר האַלטען פאָר בעגרינדעט דעם פערדאַכט, וואָס רש"י ברענגט, אז די לצים פון יענער צייט האָבען בעהויפּטעט, אז שרה איז טראָגעדיג געוואָרען פון אבימלך'ן. און אויב ניט מיט אבימלך'ס כח, איז דאָס געוועזן מיט גאָט'ס כח. און עס צייגט אויס, אז אברהם האָט געהאַט רעכט צו לאַכען.

ווען אברהם לאַכט פון יהוה'ס צוזאָג, לאַכט ער, ווייל ער בעטראַכט עס פאַר א פיזישע אונמעגליכקייט דאָס, וואָס יהוה זאָגט איהם צו. און דאַמאָלס, בשעת ער לאַכט, איז ער אַלט, לויט דעם חשבון פון דער תורה, גאַנצע הונדערט יאָהר.

שרה איז דאַמאָלס נײַנציג.

ווען שרה שטאַרבט איז זי אַלט הונדערט און זיעבען און צוואַנציג יאָהר, אזוי זאָגט די תורה. דערפאַר מוז אברהם אַלט

זיין, ווען שרה שטאַרבט, גאַנץ בעשטימט, ניט ווייניגער ווי הונ־דערט און זיבעצן און דרייסיג יאָהר. יעדען מענש איז בעקאַנט, וואָס פאַר אַ געוואַלדיגען חילוק עס מאַכט אין מעשליכען לעבען זיבעצן און דרייסיג יאָהר, אפילו אין דער יוגענד. ווי געוואַלדיג איז אָבער דער חילוק אין מענשליכען פיזישען לעבען, לאָמיר זאָגען, ווען ער איז דרייסיג יאָהר און ווען ער איז זיבעצן און זעכציג; און דער חילוק אין פיזישע כחות פאַר אַ מענשען פון הונדערט יאָהר און פון זעלביגען מענשען, ווען ער איז הונדערט און זיבעצן און דרייסיג יאָהר, מוז געווים זיין גרעסער, ספּעציעל אין געשלעכטליכער הינזיכט.

אַלזאָ, אברהם האָט געלאַכט פון גאָט'ס צוזאָג, ווייל עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען געשלעכטליכען לעבען, און אברהם, זייענדיג הונדערט יאָהר אַלט, האָט געפיהלט די אונמעגליכקייט דערפון, אזוי, אַז ער האָט געלאַכט, גלייך ווי ער וואָלט מיט זיין לאַכען זאָגען: "צו שפּעט דערמאָנט זיך, רבש"ע!"

און דער פון, וואָס אברהם האָט געלאַכט און געהאַלטען פאַר אַ פיזישע אונמעגליכקייט, אפילו מיט גאָט'ס צוזאָג, ווען ער איז אַלט געווען בלויז הונדערט יאָהר, האָט ער פאַלשטענדיג דורכגעפיהרט, אָהן גאָט'ס צוזאָג און אָהן יהוה'ס הילפע, ווען ער איז אַלט געווען מעהר ווי הונדערט און זיבעצן און דרייסיג יאָהר.

אָט וואָס די תורה דערצעהלט וועגען אברהם'ן נאָך דעם, וואָס שרה איז געשטאָרבען.

"ויסף אברהם ויקח אשה ושמה קטורה"—דאָס מיינט, אַז אברהם האָט, מיט מזל, חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וועלכע האָט געהייסען קאַטערינאַ (אויף אונזער לשון).

און כאָטש יהוה מישט זיך ניט אריין, און כאָטש אברהם איז זיבעצן און דרייסיג יאָהר עלטער, ווי ער איז געווען בשעת ער האָט געלאַכט פון יהוה'ס צוזאָג, און כאָטש קיין יורש האָט שוין ניט געפעהלט, זאָגט די תורה ווייטער: ותלד את זמרן, ואת יקשן, ואת מדן, ואת ישבק, ואת שוח".

ווען האָט אברהם גענאַרט, ווען ער האָט געלאַכט פון דער מעגליכקייט, אַז ער קען נאָך האָבען אַ קינד?

קען מען, מיט דיזען פאַקט פאַר די אויגען, זאָגען, אַז אברהם

איז געווען א מאָראַלישער מענש ?

נאָך מעהר, נאָך שרה׳ם טוידט האָט דער הונדערט און זיעבצן און דרייסיג יעהריגער מאַן געגומען עטליכע ווייבער. די תורה דערמאָנט א חוץ קטורה׳ן נאָך קעבס־ווייבער.

אַלזאָ, וואָס איז דער כאַראַקטער פון אברהם׳ן?

מ׳ל זיין שטאַמט פון אברהם׳ן. פרעגט זיך יעצט צי איז אברהם אזא פערזאָן אויף וועלכער מיר קענען זיך פערלאָזען אז גאָט, דער בעשאַפער פון אַלע וועלטען, האָט איהם און נור איהם אויסגעקליבען איבערצוגעבען אזא וויכטיגע זאַך ווי דאָס מל־זיין ?

פאַר וועלכע מעשים־טובים ?

דער איד פון היינט איז מ׳ל זיין קינד ווייל אברהם האָט מ׳ל געווען זיין קינד. איז די פראַגע:

איז אברהם ווירקליך געווען אזוי שטאַרק אויסגעעדעלט רע־ליגיעז אז א מאָדערנער איד זאָל איהם נאָכגעהען אין זיינע רעלי־גיעזע וועגען ?

איז דער בעגריף וואָס אברהם האָט געהאַט וועגען גאָט געווען אזוי שעהן און עדעל ווי עס איז דער בעגריף פון דעם רעפאָרמירטען אידען איבער גאָט היינט ?

דער שרייבער בעהויפּטעט אז דער בעגריף וואָס אברהם האָט געהאַט וועגען גאָט איז אזוי נידריג ווי דער בעגריף איבער גאָט איז ביים נידריגסטען קאַניבאַל !

מיר בעהויפּטען אז פאַר׳ן היינטיגען מענשען צו גלויבען אין א גאָט ווי אברהם האָט געגלויבט איז א שאַנדע פאַר׳ן מענש און א בעליידיגונג פאַר׳ן גאָט.

אַלס בעוויז ברענגען מיר די עקדה.

.12

וואָס בעווייזט די עקדה?

העלף ניט, און פערטיידיג ניט אַ שלעכטע טהאַט, ווייל עס מאַכט צו גלויבען אַז דו וואָלסט אַליין אימ־שטאַנדע געווען צו טהאָן דאָס וואָס דו רעכטפערטיגסט אין אנדערע.

איסאָקראַט.

די עקדה בעווייזט צוויי זאכען:

1) אַז רעליגיאָן קען פערוואַנדלען אַ מענש אין אַ בלוטיגער בעסטיע, און 2) אַז אברהם איז געווען און איז געבליבען אַ גע־צענדיעגער, נאָך ערגער ווי זיין טאַטע תרח.

דער שרייבער פון דיזע ציילען גלויבט גאַנץ ערנסט, אַז די געשיכטע פון דער עקדה איז פאַלש פערשטאַנען געוואָרען פון פערפאַסער פון דער געשיכטע, אויב ער איז ניט געווען אַן אגענט פון אלהים אָדער יהוה, און ער ווערט נאָך ביז היינט פאַלש פער־שטאַנען פון גלויביגען איד. ווען מען זעהט, ווי ער שטאָלצירט מיט עפּעס, מיט וואָס ער האָט זיך גאָר געדאַרפט שעהמען.

די תורה אַליין דערצעהלט, אַז גאָט האָט געוואָלט אויספּרובירען אברהם'ן. דאָס איז ריכטיג. מיר זיינען דערמיט איינפערשטאַנען. די פראַגע איז בלויז, וואָס האָט יהוה געוואָלט אין אברהם'ן אויס־פּרובירען? דאָס הייסט, וואָס האָט דער דערצעהלער פון דער בלו־טיגער לעגענדע געוואָלט בעווייזען?

דער ענטפער, דאַכט זיך, מוז זיין בלויז איינער, און, נעמליך, ער האָט געוואָלט בעווייזען און האָט אויך בעוויזען, אַז אברהם איז געבליבען אַ געצענדיענער פון נידריגסטען סאָרט.

אָט זיינען די בעווייזע:

תרח, אברהם'ס טאַטע, איז געווען אַ געצענדיענער, און צו איינעם אָדער מעהרערע פון זיינע געטער האָט מען געבראַכט מענשליכע קרבנות.

אברהם האָט זיך אָבגעזאָגט פון דיזע בלוטיגע געטער און האָט

אנגענומען יהוה'ן פאר זיין גאט, ווייל יהוה האט מיט זיך פארגע־שטעלט א העכערען בעגריף פון א גאט, א מעהר מענשליכען, און בלויז איינער. אזוי האט אברהם פרעטענדירט, און יהוה האט זיך געוואלט איבערצייגען, צי האט ער טאקע אין אברהם'ן א מענשען מיט העכערע בעגריפע פון גאט, און ממילא שוין מיט העכערע מאראלישע בעגריפע. און וואס טהוט יהוה? יהוה טהוט דאס איינציגע, וואס לאזט זיך אונטער די אומשטענדען טהאן, נעמליך ער הייסט איהם ברענגען א מענשליכען קרבן. יע, נאך מעהר, דער קרבן מוז זיין זיין אייגען קינד.

און דא האט אברהם געהאט די בעסטע געלעגענהייט צו בע־ווייזען, אז ער איז ווירקליך אוועק פון די בלוטיגע געצענדיענער. האט ער עס בעוויזען? געווים ניט! עס איז נאריש צו גלויבען, אז דאס קינד פון א געצענדיענער זאל פלוצלינג אנהויבען צו גלוי־בען אין איין גאט. טויזענד, הונדערט־טויזענדער דורות זיינען נויטיג געווען פאר אזא אומבייט, און דאס איז טאקי. וואס די עקדה בעווייזט. וואלט אברהם ווירקליך געווען א גלויביגער אין א העכערען גאט, וואלט ער, ווען יהוה בעפעהלט איהם צו קוילען זיין קינד, געענטפערט מיט א פעסטען ניין! אברהם וואלט אויס־געשריען נאך העכער פון דער בעפעהלענדער שטימע: ניין, יהוה! אין קען דאס ניט טהאן! און ווייל איך קען דאס ניט טהאן, בין איך אוועק פון מיין לאנד, מיין היים, מיין משפחה! ווען איך זאל קענען צוזעהען, ווי מען איז מקריב א קינד צו גאט, האב איך גע־האט גענוג געטער אין בבל, צו וועלכע איך האב געקענט ברענגען מנשליכע קרבנות. איך האב אבער דיזע בלוטיגע טהאט ניט גע־קענט צוזעהען, און איך בין אוועק צו דיר, יהוה, גלויבענדיג, אז דו, דער אמת'ער בעשעפער פון הימעל און ערד, וועסט ניט פערלאנ־גען דאס בלוט פון א קינד, וואס איז ביי זיין מאמע דאס טהייער־סטע, וואס זי האט אין דער וועלט! און, אויב דו פערלאנגסט עס יע, איז אויס מיט אונז יהוה! דו, יהוה, ביזט ניט דאס, וואס איך זוך!

האט אברהם אזוי געענטפערט? ניין! ער האט ניט געקענט אזוי ענטפערען. ער האט, ווי אז אמת'ער געצענדיענער, גענומען האלץ, שטריק, א שארפען מעסער, אדער שטיין, און געגאנגען קוילען

זיין קינד צום בעשעפער פון אלע וועלטען, גלויבענדיג, אז ער טהוט דא אויף א גרויסע זאך.

נאך מעהר, ווען יהוה האלט איהם אב פון דער שחיטה, קען דיזער געצענדיענער זיך ניט פארשטעלען א גאט אהן א בלוטיגען קרבן, און ער קוילעט א ציגע, אבי דעם גאט צופריעדען צו שטעלען.

אלזא וואס בעווייזט די עקדה?

די עקדה בעווייזט דאס אברהם, אויב ער האט עקזיסטירט, איז ניט געווען, און האט ניט געקענט זיין בעסער איידער אלע איבריגע מענשען פון זיין צייט, און דער וועלטענשעפפער האט דערפאר קיין שום אורזאך ניט געהאט איהם אויסצוקלייבען.

די עקדה צייגט אונז אויך אז א געצענדיענער ווי אברהם איז געווען, א געצענדיענער ביי וועמען א קינד קוילען פאר זיין גאט איז א קלייניגקייט, אז אזא געצענדיענער האט לייכט געקענט אנ־נעהמען אזא בלוטיגען מנהג ווי מל זיין ביי אירגענד וועלכען ווילדען שבט מיט וועלכען ער, אלס נאמאד, איז געקומען אין בעריהרונג. און דערביי ערענסט גלויבען אז זיין גאט האט דאס נויטיג.

און ווען אברהם זאל אויף זיך טראגען בלויז די שאנדע פון דער עקדה, וואלט דער מאדערנער איד געמוזט זיך מיט איהם שעהמען און פערווארפען דעם בלוטיגען, שענדליכען, אזיאטישען מנהג פון מל זיין, בלויז וויל ער שטאמט פון איהם.

13.

האט יהוה געקענט בעגייסטערען אברהם׳ן?

> זוך קיין שכל ניט ביי גאט
> יושר ניט ביי מענשען.
>
> ל. ר.

אויב אברהם איז נעווען בעסער ווי אלע מענשען פון זיין צייט, האט זיין גאט געמוזט זיין בעסער ווי אלע געטער פון זיין צייט.

איז ער דאס געווען?

האט יהוה געקענט בעגייסטערן אברהם׳ן?

אויב עס איז אמת, אז וואס פאר א גאט אזא מענש, איז אויך אמת, אז וואס פאר א מענש אזא גאט.

אויב אברהם איז געווען א געצענדריענער, ווען ער האט זיך בעקענט מיט יהוה, איז יהוה געווען, בשעת ער האט זיך בעקענט מיט אברהם'ן, א גרויסער טפש.

הערט א חכמה פון א גאט!

אברהם האט געזאלט זיין דער פאטער פון א גרויסער נאציאן. בעשליסט ער דערפאר, אז זיין ווייב, שרה, זאל זיין אן עקרה, און ווען זי איז שוין נייגציג יאהר, דערמאהנט ער זיך, אז אויב שרה וועט בלייבען אן עקרה, וועט ער בלייבען א ליגנער און...

און אז שרה האט שוין געהאט א קינד, ווער איז געווען דער פאטער?

אויף זיכער וועלען מיר ניט זאגען, טאקי ווייל אויף זיכער ווייס קיינער ניט, און בלויז דורך א געטליכער דומהייט.

ווען מען זאל זיך קענען פערלאזען אויף רש"י, וואלטען מיר יא געוואוסט, ווער עס איז געווען יצחק'ס פאטער, ווייל רש"י ניט אן אנצוהערעניש, אז יאקבי די לצים פון יענער צייט זאלען האבען געזאגט, אז שרה איז טראגענדיג געווארען פון אבימלך'ן.

וואלטען מיר רש"י'ן אויך ניט וועלען גלויבען, ווייל פון וואנען ווייס רש"י, וואס די לצים פון דאמאלס האבען געזאגט? איז אבער א פאקט, אז פונקט ווי מיאוס אברהם האט געהאנדעלט אין בעצוג צו אבימלך'ן, אזוי נאריש האט יהוה געהאנדעלט. אזוי נאריש, אז עס איז לייכט מעגליך, אז די לצים פון יענעם דור האבען געהאט רעכט, ווען זיי האבען געזאגט, אז שרה איז טראגענדיג געווארען פון אבימלך'ן.

הערט א געטליכע חכמה:

אבימלך נעהמט שרה'ן צו זיך. יהוה ווייסט דערפון און שווייגט.

ווען אבימלך האט צו זיך גענומען די שעהנע שרה, ווייסען מיר ניט. מיר ווייסען אבער, אז די נאכט האט זי פערבראכט ביי אבימלך'ן, און אז זי האט ביי איהם פערבראכט א גאנצע נאכט.

און וואס האט יהוה געטהאן?

דער חכם איז געקומען אנזאגען אבימלך'ן, ער זאל שרה'ן ניט אנריהרען. ווען? די תורה זאגט: "ויבא אלהים אל אבימלך בחלום הלילה". דאס הייסט, ער איז געקומען בעשיצען שרה'ן,

אונזער מוטער שרה'ן, ווען אבימלך איז שוין געשלאפען. האבען לצים פון יענעם דור ניט רעכט געהאט? געטליכער טפש! ביזט דאך געקומען צו שפעט! און האבען לצים פון יענעם דור ניט רעכט געהאט, ווען זיי האבען די פאטערשאפט פון יצחק'ן צוגעשריבען צו אבימלך'ן?

און ווי אזוי האט אברהם געקענט בעגייסטערט ווערען פון אזא נארישען גאט?

.14

ווער איז אברהם געווען אין אמת'ן?

דער געדאנק, אז די קראפט וועלכע בעוועגט די פלאנעטען און מאכט די שטערן לייכטען איז איינגעגאנ־גען אין א קאנטראקט מיט א שאף־פאסטוך, וואלט געווען ערשטוינענד ווען אמת.

ס פ ע נ ס ע ר.

איידער מיר גיבען איבער וואלנעי'ס זעהר אינטערעסאנטע מיינונג איבער דיזען ענין, ווילען מיר בעמערקען, אז לויט דער תורה זעהט אויס, אז אברהם איז געווען דער הויפט פון א פאסטוך־פאמיליע פון די נאמאדען, אדער א הויפטלינג פון א בעדואינע שבט פון פאסטוכער, וועלכע פלעגען בעשטענדיג וואנדערען.

לויט דער תורה קען מען מיט בעשטימטהייט ניט זאגען, וואס פאר א כאראקטער אברהם האט געהאט. איינמאל ערשיינט ער פריי און ווילד, איינמאל גרויס און ערהאבען, איינמאל מיזעראבעל קליין און העסליך. אנאנדערש מאל רייך און קרעמעריש. אלס פרייער בעדואין און ווילד, ציינט ער זיך ארויס בשעת ער און לויט ווערען רייך, זייערע סטאדעס פערמעהרען זיך און עס ווערט ענג פאר ביידע. דאמאלס זאגט אברהם צו לוט'ן: "אויב דו געהסט רעכטס, וועל איך געהן לינקס, און אויב דו געהסט לינקס, וועל איך געהן רעכטס. ליגט ניט דאס גאנצע לאנד פאר אונז?"

דאס מיינט, פראסט, וואס געהען אונז אן די געזעצע פון די כנענים און פרזים (וועלכע האבען דאמאלס בעוואוינט דאס לאנד). געה דו, וואוהין דיר געפעלט, איך וועל געהן, וואוהין מיר געפעלט.

און ווען עס געפעלט ניט, דער מעג געהן ווייטער.

גרויס און ערהאבען איז ער, ווען ער העלפט א שוואכען צד און ווייזט גרויסמוטהיג צוריק דעם אנגעבאטענעם לוין, ווי עס ווערט דערצעהלט אין בראשית י״ד. גרויס און ערהאבען איז ער, ווען ער פרעגט ביי גאט, וועלכער געהט פערוויסטען סדום: ״האף תספה צדק עם רשע?״

שרעקליך קליין און פייג ערשיינט ער, ווען ער בעשיצט זיין לעבען דורך פאלשקייטען און שרה׳ס עהרע.

אט וואס דר. טוי, אן אויטאריטעט אין העברעאישער געשיכטע, זאגט אין דער דזשואיש ענציקלאפעדיא וועגען אברהם׳ן:

״איז פאראן א קערענדעל היסטארישער אמת אין דער געשיכטע פון אברהם׳ן? עס איז קלאר, אז זי ענטהאלט פיעל לעגענדארישעס. די געשיכטעס פון לוט, חגר און קטורה זיינען ענטהאלאגישע (ראסען־אייגענטימליך) מיפען.

די ערצעהלונגען פון די געטליכע ערשיינונגען און די צושטערונג פון סדום און עמורה זיינען לעגענדען. ברית־מילה האבען די אידען ניט איינגעפיהרט, ווי עס ווערט דערצעהלט פון אברהם׳ן.

די מעשה פון דער עקדה איז א פראדוקט פון די צייטען, ווען די אידען האבען שוין געהאט א קעניגרייך.

אברהם׳ס משפחה איז בלויז א פערזאניפיצירונג פון שבטים און אלע פארגעגנער פון נח׳ן און די נאכקאמען ביז יעקב׳ן זיינען מיפישע אדער לעגענדארישע פערזאנען.

די ביאגראפיע פון אברהם׳ן, ווי די תורה גיט זי איבער, מעג וואהרשיינליך בעטראכט ווערען, אלס א לעגענדע.

דאך קען זיין, אז דער נאמען ענטהאלט אין זיך עפעס פון א היסטארישען פאקט, נור די פאקטען זיינען אזוי קליין, אז די גאנצע פראגע איז דונקעל, און אויב מען קומט צו עפעס א שלום, מוז עס זיין געשטיצט בלויז אויף פארמוטונגען״.

וואלנעי זאגט, אז אברהם איז א מיטהאלאגישע פיגור.

עס איז זיכער, אז דאס אריגינאל פון אברהם׳ן איז צו זוכען צווישען די שטערן פון הימעל. יא, פון א פלאנעט אדער זון איז מיט דער הילף פון אבערגלויבען און אונוויסענהייט געווארען ״אברם״, וואס בעשטעהט פון צוויי ווערטער ״אב און רם״, וועל־

כעם אויף אונזער לשון מיינט פשוט דער ״דערהויבענער פאטער״, אדער דער ״פאטער פון אויבען״.

ברענגענדיג די מיינונגען פון די עלטעסטע געשיכטס־שרייבער, קומט וואלנעי צו פאלגענדען שלום:

״אז מיר אונטערזוכען די אלע בעשרייבונגען, געפינען מיר, אז זיי קומען, פונקט ווי די מעשה פון מבול, פון אלטע קוועלען, פון וואנען ספר בראשית האט זיי גענומען. נור אזוי ווי זיי טראגען אין זיך דעם כאראקטער פון מיטהאלאגיע, ערוועקען זיי אין אונז א צווייפעל וועגען אברהם׳ס עקזיסטענץ, אלס א מענשליך וועזען.

אין אמת׳ן, אזוי ווי דער כאלדעאישער מבול איז בלויז אן אסטראלאגישע דיכטונג, טו וואס ווערט פון די פערזאנען און דורות, וועלכע זיינען די נאכפאלגער פון א פאסירונג, וועלכע האט קיינמאל ניט פאסירט?

ווען היינטיגען טאג זאל א מבול צושטערען די גאנצע מענשליכע ראסע, איבערלאזענדיג בלויז אכט פערזאנען, וואלטען דייע עטליכע מענשען געהאט אזוי פיעל צרות צו קריגען עסען פאר זיך, אז אין דריי דורות וואלטען אלע געווען צוריק פערווילדעט. און ניט קיין שרייבען וואלט זיי אין זינען געלעגען, און אויך ניט דאס אנזאמלען פון אלטע מאנומענטען און טראדיציאנען.

אפילו צווישען ציוויליזירטע נאציאנען, ווייס קיינער ניט אהן שריפט, וואס עס איז געווען מיט זעקס דורות צוריק.

״ווי אזוי־זשע איז מעגליך געווען אויפצובעוואהרען די בעשרייבונג פון די דורות פון אברהם׳ן? ספעציעל די אידען, וועלכע האבען אפילו ניט פערשטאנען צו האבען א רעגעלמעסיגע היסטאריע ניט פון דער צייט פון די שופטים און ניט פון דער צייט ווען זייערע עלטערן זיינען געווען אין מצרים?

די מעשה פון אברהם׳ס אבשטאמונג געהערט ניט צו זיי, עס איז געבארגט פון די כאלדעער, עס איז אין גאנצען כאלדעאיש. און ביי די כאלדעער געהערט עס צו די מיטהאלאגישע צייטען, פונקט ווי דער מבול און די ריעזען, מיט וועלכע אברהם איז געווען פערבונדען.

מיר זיינען געוואוינט צו בעטראכטען אברהם׳ן, אלס א פערזאן, און מיר ווערען פערציטערט, ווען מען זאגט אונז צום ערשטען

מאָל, אַז דאָס איז גאָר אַן אויסגעטראַכטע און אַלעגאָרישע פּערזאָן, און ניט מעהר, ווי דער פּערזאָניפיצירטער געניוס פון אַ פּלאַנעט.

דאָס איז אָבער דער אמת ניט נור מיט אברהם'ן, נור מיט אַ גאַנצע מאַסע קעניגע, פּרינצען און פּאַטריאַרכען פון דער אַלטער טראַדיציאָן פון מזרח.

ווער גלויבט ניט, אַז "הערמעס" (דער גריכישער גאָט פון גנבים און סוחרים), איז געווען אַ חכם, אַ פילאָזאָף, אַ גרויסער אַסטראָנאָם ביי די עגיפּטער? דאָך, ווען מען אונטערזוכט גענוי, געפינט מען אויס, אַז הערמעס איז דער פּערזאָניפיצירטער געניוס פון דעם שטערן סיריוס און אַמאָל פון דעם פּלאַנעט מערקיור.

ווער וואָלט ניט געגלויבט, אַז די זיבען פּאַטריאַרכען פון די הינדוסער זיינען געווען הייליגע בעלי־תשובה? און דאָך זיינען דיעזע זיבען בעלי־תשובה די זיבען שטערן פון דעם שטערנ־בילד "בער".

"האַבענדיג פּערזאָניפיצירט די הימלישע קערפּער, האָבען די מזרח־פעלקער, דורך די נאַטירליכע שפּראַכבילדליכע אויסדריקע פון זייער שפּראַכע, אַריינגעבראַכט אַ צווידייטיקייט און אַ גרויסע אונאָרדנונג אין זייערע אידעען, וועלכע איז פערגרעסערט געוואָרען פון טאָג צו טאָג דורך דער אונוויסענהייט פון אָבערגלויבען פון די גלויביגע אוןדורך דעם געדאַנקען־שפּיעל פון פּאָעטען. און עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס אברהם, אַ כאַלדעאישער קעניג, פּאַטריאַרך און אַסטראָלאָגער, ווען ער ווערט אַנאַליזירט אין זיין האַנדלונג און אין זיין כאַראַקטער, זאָל זיך גאָר צייגען צו זיין דער געניוס פון אַ שטערן אָדער פּלאַנעט".

וואָלנעי ברענגט אַ מאַסע בעווייזע צו אונטערשטיצען זיין בע־הויפּטונג. מיר וועלען דאָ ברענגען בלויז איינעם. ער זאָגט:

"לאָמיר הערען, וואָס סאַנקאָניאַטהאָן, וועלכער האָט געשריבען אַרום דרייצעהן הונדערט יאָהר פאַר קריסטוס'ן, האָט צו זאָגען. "סאַטורן, וועלכער הייסט ביי די פעניציער, ישראל, האָט געהאַט פון אַ נאַטור־געטין אין וואַלד, באַרג אָדער וואַסער (נימף) אַ קינד, אַ זוהן, וועלכען ער האָט גערופען "יחיד", דאָס הייסט, איין איינ־ציגער (דער לעזער מוז געדענקען, אַז גאָט רופט יצחק'ן "יחידך") און ווען אין לאַנד האָט אויסגעבראָכען אַ מלחמה און די געפאַהר

צו פערלירען איז געווען גרויס, האט סאטורן אויפגעבויט א מזבח האט איהם בעקליידט אין קעניגליכע קליידער און האט איהם מקריב געווען".

פון דיזער לעגענדע איז ענטשטאנען די עקדה.

ס'איז דא ווערטה צו בעמערקען אז די מאהמאדאנער גלויבען אז ישמאל איז געפיהרט געווארען צו דער עקדה, ניט יצחק.

.15

המול לכם כל זכר. *)

סוד יהוה ליראו
ובריתו להודיעם.
תהלים.

דאס איז דער בעפעהל פון מעכטיגען וועלטענשעפפער צו א הילפלאזען, שוואכען פאסטוך.

אז אברהם זאל האבען עקזיסטירט זיינען קיין שום בעווייזע ניט פאראן.

אז אברהם און שרה זיינען מיטהאלאגישע פיגורען איז זעהר וואהרשיינליך.

צוגעגעבען אבער אז אברהם האט עקזיסטירט, איז זיין כאראקטער זיכער ניט געווען אזעלכער אז א מאדערנער איד זאל מיט איהם שטאלצירען, פיעל ווענינער איהם נאכטהאן אין עפעס וואס יענער האט מיט פיער טויזענד יאהר צוריק געטהאן.

און דאך! דער מאדערנער איד טהוט נאך אז אלטען אראבער אין איינעם פון זיינע אונזיניגסטע און בלוטיגסטע מנהגים.

און א בלוטיגען מזל האט דיזער בלוטיגער מנהג! ענטשטאנדען צווישען ווילדע און ווערט פארהייליגט צווישען ציוויליזירטע!

ווייל בלוטיג, העסליך, בארבאריש, גרויזאם, שענדליך, אזיאטיש, אלט, אונמענשליך, נאריש, ווי דיזער מנהג איז, האלט ער זיך פונדעסטוועגען ניט נור צווישען גלויביגע אידען, נור אויך צווישען אזעלכע, וועלכע זיינען אין אנדערע הינזיכטען פון רעליגיאן ניט מעהר אזיאטיש.

---

*) זעה מסכתא עבודה זרה.

מיר טרעפען מענשען צווישען די אידען, וועלכע גלויבען ניט אין גאט מעהר, דאווענען ניט, האבען שוין לאנג פערוואָרפען דעם גאַנצען אונערטרעגליכען פאק מיט אידישקייט, נור דאס איינע, ווען א קינד ווערט געבוירען און צופעליג פון מענליכען געשלעכט, קענען זיי ביי זיך ניט פועל'ן צו בעזייגען די פייגהייט, און ניט מל זיין דאס קינד.

דער אידישער גאט פערלאנגט בלוט, און דאס קליינע אונשולדיגע עופה'לע, וואס האט געהאט דאס אונגליק געבוירען צו ווערען ביי א פייגען טאטען, א מיטגליעדער פון א פאלק, וועמען מען האט אנגעהאנגען א בלוטיגע, אזיאטישע רעליגיאן מיט א נארישען, טיראנישען גאט, דיזעם עופה'לע מוז ליידען.

צווישען די בלוטיגע געמיינהייטען, וועלכע די קריסטליכע פעלקער האבען בעגאנגען געגען אידען, איז ני טפאראן קיין געמיינערע, קיין בלוטיגערע, ווי די געמיינהייט פון עלילת־דם. וויפיעל אידישע בלוט און טרערען זיינען פערגאסען געווארען דורך דיזען שענדליכסטען פון אלע שענדליכע בלבלים, וואס א מענש האט ווען עס איז געמאכט אויף א צווייטען! און ווער קען אויסרעכענען, וויפיעל דער בלוטיגער מנהג פון ברית־מילה איז שולדיג אין דיזע אונשולדיג פערגאסענע בלוט און טרעהרען?

און דער מאדערנער איד, אנשאטט ער זאל דיזען אזיאטישען מנהג פון זיך פערוואַרפען, האלטען איהם גאר פאר דאס סאמע וויכטיגסטע אין דער אידישער רעליגיאן. א יסוד הדת.

און וואס זאגט דערצו דער געבילדעטער איד?

ער, אנשטאט אויפצוקלערען דעם גלויביגען אידען און איהם אויפצייגען דאס גאנצע העסליכקייט פון דיזען בארבארישען מנהג, דערצעהלט איהם נאר, אז עס איז גאר ווענען געזונדהייט, און דער גלויביגער גלויבט. ער האט קיין שכל ניט צו פרעגען. ווייל, ווען יא, וואלט ער דעם געבילדעטען היפאקריט געפרעגט אט וואס:

אויב מל זיין האט עפעס א שייכות מיט געזונדהייט, דאן מוז דער איד, מיט דער אויסנאהמע פון טערק, זיין דער געזונדסטער מענש אין אייראפא. איז ער דאס? ניין! ניט נור איז ער ניט דער געזונדסטער, נור, פערקעהרט, ער איז פיזיש דער שוואכערער פון אלע איבעריגע.

דער איד האלט זיך מיט דיזען שענדליכען מנהג, ווייל אז אזא־טישער גאט, דום ווי אן אקס און בלוטיג, ווי א טיגער, האט בע־פוילען: "חמול לכם כל זכר" (בראשית י"ז).

ווען דיזער מנהג וואלט געווען בלויז ביי אידען, וואלט מען אפשר געקענט גלויבען, אז ער שטאמט דירעקט פון גאט. און אפילו דאן וואלט דער גלויביגער, וועלכער איז ניט קיין פייגלינג, געקענט פרעגען, צו וואס איז דיזער בלוטיגער אקט נויטיג? פאר וואס פערשאפען שמערצען אן עופה'לע? ווי גראמט זיך בלוט פערגיסען מיט אן "אל מלא רחמים"? אויב די "פארהויט" איז א שענד־ליכע זאך, צו וואס האט דער וועלטען־בעשעפער בעשאפען דיזע שאנדע? איז דאך אדם געווען א פראדוקט פון זיינע געטליכע הענד. און דאך איז ער געווען אן "ערל"! איז די "ערלה" שעדליך, אונ־געזונד, צו וואס האט זי איהם אין גאנצען געטויגט?

דער אמת אבער איז, אז דיזער בלוטיגער מנהג איז עלטער, ווי דאס אידישע פאלק און איז געווען פערשפרייט צווישען אלע ווילדע און האלב־ווילדע פעלקער און איז עס נאך היינט אויך אזוי.

דער מנהג פון מל זיין איז פראקטיצירט געווארען אין מצרים נאך איידער די אידען זיינען דארט געווען און ווערט נאך היינט אויך דארט פראקטיצירט.

מען האט אמאל אנגענומען, אז מל זיין שטאמט פון מצרים, ניי־מען האט דיזען העסליכען מנהג געפונען ביי כמעט אלע פרימיטיווע פעלקער אין אלע טהיילען פון דער וועלט, וועלכעס צייגט אז אונ־אבהענגיגע ענטשטעהונג.

אלע פעלקער פון פאלעסטינא, א חוץ די פלישתים, האבען גע־האט דיזען מנהג.

ביי די אראבער איז דיזער מנהג שוין געווען אזוי אלט, אז אין דער צייט, ווען דער קאראן איז פערפאסט געווארען, האט מען דיזען מנהג אפילו ניט געפונען פאר נויטיג דארט אריינצושטעלען כדי איהם צו געבען א געטליכע הסכמה.

אפילו אין אמעריקא (ביי די אינדיאנער) און אין אויסטרא־ליען איז דיזער מנהג שטארק פערשפרייט.

דער מנהג איז איבעראל דערזעלבער, נור די צייט איז שטארק פערשיעדען. בלויז עטליכע שבטים פון ווילדע אינדיאנער, וועלכע

וואוינען אין זיך אמעריקא, זיינען מל זייערע קינדער פונקט ווי די אידען, צום אכטען טאָג נאָך דער געבורט.

ביי די מייסטע פעלקער ווערט דער ברית־מילה געפּראוועט, ווען דאָס קינד ווערט געשלעכטליך רייף, אדער פאר דער חתונה. און אין דיזען פאקט וועלען מיר געפינען א שליסעל צום ענטפער פון וואנען עס שטאמט דער מנהג פון מל זיין.

.16

ווי אלט איז דער מנהג פון מל זיין?

די דומחייט איז אליין
אלט אזוי ווי גאָט
דאָך דער מנהג האָט
זיין געבורט געזעהן. ל. ר.

אויב אברהם איז געווען דער ערשטער מענש וואס האט זיך ערנידריגט צו דיזען בלוטיגען שטיק עבודה־זרה, דאן מוז דיזער מנהג אלט זיין ניט מעהר ווי פיער טויזענד יאהר.

דיזער מנהג איז אבער פיעל עלטער.

ווען עס זאל קיין אנדערע בעווייזע ניט זיין, ווי דאס בלוטינקייט, זינלאזיגקייט, גרויזאמקייט און ווילדקייט פון דיזען בלוטיגסטען פון אלע בלוטיגע, אלטע מנהגים, וואלט דאס אליין גענוג געווען צו בעווייזען אז דיזער מנהג מוז שטאמען פון א צייט ווען דער מענש איז נאָך געווען גאר ווילד.

אין דער צייט אין וועלכער אברהם האט געלעבט, איז דער טהייל פון אזיען וואו ער האט געלעבט, שוין לאנג געווען ארויס פון ווילדען צושטאנד.

ל. ה. מארגאן אין זיין גרויסען ווערק "אלטע געזעלשאפט" זאגט אויסדריקליך אז דער צושטאנד פון דער געזעלשאפט אין דער צייט פון אברהם איז געווען דער "העכערער צושטאנד פון באר־בארײ".

אברהם, אלזא, האט געלעבט אין א האלב־ציוויליזירטער געזעלשאפט, און זייענדיג, פיליכט אינטעלעקטועל עפּעס העכער פון דעם דורכשניטס מענש פון זיין צייט, איז ער געווען כמעט א ציוויליזירטער מענש.

און א ציוויליזירטער מענש וועט אזא שענדליכען, בלוטיגען

בעפעהל ניט אננעהמען אפילו פון א גאט.

סטייטש, וועט דער לעזער געווים פרעגען, אויב ס'איז אמת אז א ציוויליזירטער מענש וועט אזא בלוטיגען מנהג ניט אננעהמען, ווי זשע קומט עס וואס דער איד פון היינט האלט זיך מיט דיזען מנהג?

קען מען זאגען אז דאס אידישע פאלק איז ניט ציוויליזירט?

איז דער ענטפער, אז א נ נ ע ה מ ע ן א מנהג איז ניט דאס־זעלבע וואס נ א כ פ א ל ג ע ן א מנהג וועלכער קומט פון דור דורות און איז בעפוצט מיט דעם הייליגען שימעל פון אלטקייט.

מיר וועלען עס פרואווען בעווייזען.

דער איד האט ניט געוואלט און ניט געקענט גלויבען אז מרים, דעם טישלער'ס כלה האט געהאט א קינד מיט דער הילף פון הייליגען גייסט און איז געבליבען א בתולה.

פארוואס?

האט ניט דערזעלביגער איד געגלויבט אז בלעם'ס עזעל האט גערעדט?

איז דאס רעדען פון א פיער־פיסיגען עזעל א קלענערער וואונ־דער ווי דאס בלייבען א בתולה נאך דער געבורט פון א קינד?

געווים איז איין דומהייט אזוי גרוים ווי די צווייטע, ניט מעהר די נארישע געשיכטע פון עזעל קומט ארונטער צום אידען פון דור דורות, דער הייליגער שימעל פון אלטקייט רוהט אויף דיזער נא־רישער געשיכטע, און דער איד גלויבט.

דאס קריסטענטום אבער, אדער דעם גלויבען אין דער הייליגער מאמע, כאטש ניט קיין גרעסערע דומהייט איידער דער רעדעוודיגער עזעל, האט דער איד ניט געוואלט אננעהמען און בלויז דערפאר ווייל ער האט געדארפט "אננעהמען" און ניט בלויז נאכפאלגען.

צווייפעלט אימיצער אז ווען יעזוס'ס געבורט ווערט דערצעהלט אין דער תורה אז דער איד וואלט אין איהר געגלויבט?

גלויבט ער דאך אזוי פעסט אין די אונצעהליגע אונמעגליכ־קייטען וואס דארט געפינען זיך!

אפילו דער עגל־הזהב איז אויך א בעווייז פאר אזנזער בע־הויפטונג.

ווען אַ קאַלב אַלס אַ גאָט וואָלט געווען אַ נייע זאַך, וואָלטען די אידען עס טאַקע, אפשר ניט אָנגענומען. דאָס קאַלב אַלס אַ גאָט, אָבער איז ביי די אידען קיין נייעס ניט געווען.

דאָס געטליכע קאַלב האָבען די אידען געקענט נאָך פון מצרים, און עס דערפאַר באַלד אָנערקענט.

לאָמיר זוכען בעסערע בעווייזע.

מיר וועלען אָננעהמען אַז אברהם איז געווען דער ערשטער מענש זיך מל צו זיין.

לאָמיר יעצט זעהען ווי דאָס האַרמאָנירט מיט די פאַקטען וואָס רינגלען אַרום די ערשטע בעשניידונג.

גאָט זאָגט צו אברהם׳ן ״המול לכם כל זכר. ונמלתם את בשר ערלתכם״. וועלכעס מיינט אַלע מענליכע צווישען אייך זאָלען בע־שניטען ווערען און איהר זאָלט בעשניידען דאָס פלייש פון אייער פאַרהויט״.

און נאָך אין זעלביגען טאָג פיהרט אברהם אויס די נויטיגע אָפּעראַציאָן אויף זיך און אויף אַלע מענער וועלכע זיינען מיט איהם אייגענע און געקויפטע.

יעצט, אויב מל זיין איז געווען אַ זאַך וואָס אברהם האָט גע־הערט צום ערשטען מאָל פון גאָט׳ס מויל, ווי קומט עס וואָס ער האָט געוואוסט באַלד וואָס און ווי אַזוי דאָס צו טהון? *)

ווען גאָט הייסט איהם שניידען, וואונדערט זיך אברהם גאָרניט, פרעגט ניט פאַרוואָס, צוואָס, ווי אַזוי, נור כאַפּט און שניידט!

איז אַ שניט אין אַ גליעד וועלכעס איז פון כמעט דער גאַנ־צער האַלב־ווילדער, ווילדער, האַלב־ציוויליזירטער וועלט פאַרגע־טערט געוואָרען, געווען אַזאַ געוועהנליכע זאַך און אברהם׳ס צייט אַז ער האָט אפילו ניט געוואונדערט זיך? ניט געפרעגט ווי אַזוי צו שניידען?

איז דאָך דיזער גליעד פון אברהם׳ן אַליין פאַרהייליגט גע־וואָרען!

מוזען מיר ניט קומען צום שלוס אַז דיזע אָפּעראַציאָן איז פאַר

---

*) זעה מסכתא שבת דף ק״ח.

אברהמ׳ן קיין נייעס ניט געווען?

נאך א בעווייז.

ווען דינה ווערט פארגעוואלטיגט פון שכם און ווען זיין פאטער שלאגט פאר אז דינה זאל ווערען זיין שנור, זאגען צו איהם יעקב׳ס זיהן אז זיי ווילען עס טהון נור דאן ווען אלע זייערע זכרים וועלען זיך מל זיין.

און ניט פיעל געטראכט איז זיך מל די גאנצע שטאדט זכרים.

יעצט פרעגט זיך פון וואנען האט דער געצענדיענער חמור, זיין זוהן שכם, די גאנצע שטאדט געצענדיענער, פון וואנען האבען זיי געוואוסט וואס און ווי אזוי צו טהון? קיינער וואונדערט זיך ניט אויף דעם זאנדערבארען אנפאל, און עס איז דאך זיכער אז זאנדערבארע זאך, דאס מל זיין, פאר איינעם וואס הערט עס צום ערשטען מאל.

און דא, אין דער גאנעצר שטאדט, פרעגט קיינער ניט קיין קשיות, מען האט בעפוילען שניידען, שניידט מען.

שכם, חמור און די גאנצע שטאדט האבען דאך נאך קיין מאל ניט געהערט דערפון?

ווייל אין דער גאנצער וועלט זיינען דאך געווען בלויז גע־צעהלטע עטליכע גע׳מל׳טע מענשען?

און דאך איז דער פערלאנג, מל צו זיין א גאנץ פאלק, ביי קיינעם קיין נייעס ניט!

וואלט דאס מעגליך געווען ווען מל זיין איז ביי שכם, חמור און די איבריגע א נייע זאך?

עפעס וואס זיי הערען צום ערשטען מאל?

איז ניט גלייכער צו זאגען אז נאך דעם וואס אברהם הערט עס און וואונדערט זיך ניט און פרעגט ניט קיין קשיות, און נאך דעם וואס שכם וואונדערט זיך ניט, חמור, ניט, די גאנצע שטאדט וואונדערט זיך ניט, אז דער מנהג פון מל זיין, ווען די אלע הערען איהם, איז שוין אן אלטער?

יעצט וועלען מיר איבערגעהן צו זיכערע בעווייזע:

מאריץ עבערס, פראפעסאר פון עגיפטאלאגיע, אין לייפציג, גראבענדיג און פארשענדיג אין די אלטע קברים פון מצרים אין לעצטען יאהרהונדערט, האט דארט ענטדעקט אינטערעסאנטע פאקטען.

די סטאנדארד ענציקלאפעדיע ריידענדיג וועגען מל זיין ציטירט עבערס'ען און זאגט:

"מל זיין איז שטארק פערשפרייט צווישען אריענטאלישע נאציאנען. און דריי טויזענד יאהר פאר קריסטוס'ן איז דיזער מנהג בעקאנט געווען אין מצרים, וואו קינדער פון מענליכען געשלעכט פלעגען גע'מל'ט ווערען צווישען זעקסטען און פירצעהנטען יאהר.

די ברית־מילה צערעמאניע איז אויסגעקריצט אויף א וואנט אין א טעמפעל פון דער שטאדט קארנאק, (דיזער טעמפעל איז פון דער צוועלפטער דינאסטי און מוז דערפאר אלט זיין ווענינסטענס פיער טויזענד יאהר. ל. ר.) און עבערס האט דערפון געמאכט א צייכנונג. און זעצט צו אז אלע "מומיעס" (איינבאלזאמירטע קערפער פון טוידטע הערשער) זיינען געפונען געווארען גע'מל'טע.

ס'איז דא ווערטה צו באמערקען אז רעוו. סעהז, פראפעסאר פון אסיריאלאגיע אין דער אוניווערזיטעט פון אקספארד, אין זיין גרויסען ווערק "בבל און אשור" זאגט אין דריטען קאפיטעל אז ס'איז צווייפעלהאפט צי דער מנהג פון מל זיין האט עקזיסטירט אין בבל ווען אברהם איז דארט געווען. (באסקאווען זאגט אז יע. ל. ר.). (ווער פון די לעזער עס האט די מעגליכקייט דיזען ווערטהפאלען בוך צו לעזען זאל עס אונבעדינגט טהון).

דער פאקט וואס צפרה מאכט די אפעראציע פון מל זיין אויף איהר קינד מיט א שטיין, צייגט דאס אלטקייט פון דיזען מנהג.

ריידענדיג איבער די רעליגיאנען פון אלטען אמעריקא, זאגט דזש. מ. ראבערטסאן פאלגענדעס: *)

"אויף איינעם פון די הויכע בערג פון מעקסיקא איז דער מענשליכער קרבן אוועקגעלעגט געווארען און א פריסטער האט מיט א שטיין אויפגעשניטען די ברוסט פון לעבעדיגען קרבן. דער שטיין, דאס איז דאס מעסער וואס איז געברויכט געווארען איידער מענשען האבען נאך פערשטאנען דעם געברויך פון מעטאל, און דערפאר אמת רעליגיעז. דאן האט ער אויסגעריסען דאס נאך צאפעלדיגע

*) זעה רעליגיעזע סיסטעמען פון דער וועלט, זייטע 363).

האריך און עס האלטענדיג הויך קעגען דער זון האט ער עס מיט קטורת פארברענט און מיט דעם בלוט האט ער, מיט אן ערנסטער רעליגיעזער צערעמאניע (עבודה!), בעשמיערט די ליפען פון גאט און זיין הייליגען ארון".

17.

ווי אזוי איז ברית-מילה ענטשטאנדען?

פעלקער, וועמעס געטער זיינען גע־
וועזן זייערע פארגעטערטע, קאניבא־
לישע אבות האבען די בלוטיגסטע
רעליגיעזע צערעמאניעס.
ספענסער.

זיכער איז, אז דיזער מנהג איז שוין זעהר אלט און ער איז שוין געוועזן איינגעפיהרט נאך דאמאלס, ווען דער מענש איז נאך ארומגעלאפען נאקעט און דער שטיין איז געוועזן א טהייל פון זיין געצייג.

וואס דער גרונד פון דיזען מנהג איז, זיינען די פארשער פון דער אלטער מענשליכער קולטור ניט איינשטימיג, וועלכעס מיינט, אז קיין פאזיטיוועס ווייס מען ניט.

מאנכע גלויבען, אז דאס איז בלויז א צייכען פון א געוויסען שבט, פונקט ווי דאס פערקריפלען פון אנדערע קערפער־טהיילען. אנדערע גלויבען, אז דאס מל זיין איז א פערבלייבעכטס פון דער צייט, ווען מען פלעגט מקריב זיין מענשליכע קרבנות צו די געטער.

מאנכע ווילען האבען, אז עס שטאמט דערפון, וואס דער ווילדער מענש האט געגלויבט, אז דיזע אפעראציע איז א סגולה צו האבען פיעל קינדער, אין וועלכע דער פרימיטיווער מענש האט זיך אזוי שטארק געגויטיגט, אז אפילו דער וועלטען־שעפּפער קען קיין בעסערע זאך ניט צוזאגען אברהם, יצחק און יעקב, ווי אז זייערע קינדער וועלען זיין ווי זאמד ביים ים. א טהייל גלויבט, אז דאס איז פון ריינליכקייט וועגען. פיעלע מאדערנע דאקטוירים גלויבען, אז דאס איז פון געזונדהייטס וועגען, און מאנכע פארשער גלויבען, אז דאס איז געוועזן א פארבערייטונג צו דער חתונה, ווייל מען

פלעגט מל זיין קינדער פוןביידע געשלעכטער, און פונקט צו דער צייט פון געשלעכטליכער רייפקייט, אדער פאר דער חתונה.

וואלטער האט זיין אייגענע ערקלערונג. דער לעזער וועט זי געפינען אין נעקסטען קאפיטעל.

דאס וויכטיגסטע פון דער פראגע איז אבער ניט, זייט ווען די ווילדע פעלקער טהוען דאס, נור ווי לאנג וועט עס נאך א ציוויליזירט פאלק, ווי די אידען, טהאן?

א חוץ קרבנות איז דאס דער שענדליכסטער מנהג, וואס אידען האבען. און דאס שענדליכסטע ווערט נאך שענדליכער, ווען מען זעהט, ווי דער איד בעטראכט דיזע בלוטיגע אפעראציאן, אלס דער סאמע עיקר פון אידישקייט. עס איז א בלוטיגע, אזיאטישע טהאט, וועלכע איז שוין אזוי אלט, אז מען קען איהר געצענדיענערישען מקור ניט דערגעהן, און א ציוויליזירט פאלק אונטער דער זון פון אייראפעאישער ציוויליזאציאן פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט, האלט זיך מיט איהר, צום שפאט פון דער גאנצער וועלט.

ווען די רעליגיאן זאל ביים אידען ניט אוועקרויבען דעם חוש פון בישה, וואלט ער מיט דיזען בלוטיגסטען פון אלע רעליגיעזע שאנדטהאטען שוין לאנג פארטיג געווארען.

ווייס דער איד, וועלכער איז אזוי שטאלץ אויף זיין בעפרייאונג פון דער שקלאווערייי פון מצרים, ווייס ער, אז אן אייראפעאישער אויטאריטעט בעהויפטעט, אז "מל זיין" איז א צייכען פון שקלאווערייי, אויסגעפיהרט פון זיעגער אויף דעם בעזיעגטען? יא, הערבערט ספענסער זאגט אין זיין ווערק איבער "די פרינציפען פון סאציאלאגיע", אז די בעשניידונג איז א צייכען פון שקלאווערייי, און ער בעווייזט עס מיט אונבעשטרייטבארע פאקטען. ער גלויבט, אז אנשטאט צו הרג'ענען דעם בעזיעגטען, פלעגט מען איהם מל זיין, אלס אן אייביגער צייכען פון שקלאוו'ס אונטערהעטניגקייט.

עס איז דא ווערטה צו באמערקען, אז אין שופטים י"ד און שמואל א' י"ז געפינען זיך בעווייזע, וועלכע צייגען, אז ספענסער האט רעכט. דערפאר אבער זייגען פאראן מאנכע קולטור־געשיכטליכע פאקטען, וועלכע צייגען געגען ספענסער'ס מיינונג.

מיר וועלען איבערגעבען אלע בעווייזע, וואס ספענסער ברענגט.

.18

וואלטער איבער ברית־מילה.

Laugh where we must, be candid where we can.
But vindicate the ways of God to men.

ALEXANDER POPE, Epistle I.

צווישען די פיעלע ווערק וואס וואלטער האט דער וועלט געגעבען, געפינט זיך דאס "פילאזאפישע ווערטער־בוך". בעהאנדלענדיג מאנכע שטעלען פון דער תורה, רעדט ער אין מאנכע שטעלען מיט א מין שנאה צום אידישען פאלק.

און די אידען האבען איהם ניט פערשוויגען.

די פארטוגעזישע, שפאנישע און פוילישע אידען האבען איהם געענטפערט אויף זיין ביבעל־קריטיק אין דער פארמע פון בריעף. דיזע בריעף זיינען ארויסגעגעבען געווארען אין בוכפארם אונטער דעם טיטעל "בריעף פון געוויסע אידען צו העדר וואלטער".

דיזער בוך איז א מוסטער פון אידישע געלעהרזאמקייט, אידישען זעלבסט־רעספעקט, אידישען הומאר און שעהנע, שכל'דיגע, בייסענדע סאטיר.

מיר וועלען צוערשט איבערגעבען וואלטער'ס מיינונג, נאכהער א טהייל פון דעם ענטפער פון יענעם בוך.

אט איז וואלטער'ס מיינונג איבער מל זיין:

"ווען הערָאדאט דערצעהלט וואס די בארבארען צווישען וועלכע ער האט ארומגערייזט, האבען איהם געזאגט, דערצעהלט ער נארישקייטען, פונקט ווי אלע רייזענדע.

ווען אבער ער רעדט פון דעם וואס ער האט געזעהן פון די מנהגים פון די פעלקער וואס ער האט אונטערזוכט, דאן רעדט ער צו מענשען.

"עס שיינט, זאגט ער, אז די איינוואוינער פון קאלטשיס (א לאנד אין צפון פון ארמעניען. ל. ר.) שטאמען פון מצרים. איך דענק אזוי פון מיינע אייגענע בעאבאכטונגען און ניט פון וואס מען האט מיר דערצעהלט.

ווייל אין קאלטשיס האט עס מיך מעהר דערמאנט פון די אלטע מצרים איידער די מנהגים פון די קאלטשיס ווען איך בין געוועזן אין מצרים.

"דיזע איינוואוינער פון די ברעגעס פון שווארצען ים בע־הויפטען אז זיי שטאמען פון א קאלאניע געגרינדעט נאך פון "סעסאטרים" (סעסאטרים איז וואהרשיינליך א לעגענדארישער נאמען פון א קעניג פון מצרים וועלכער זאל האבען בעזיגט כמעט די גאנצע וועלט פון זיין צייט פון דער פיערטער די־נאסטיע, אונגעפעהר פינף טויזענד יאהר צוריק. דאס איז ניט זיכער. ל. ר.).

"וואס מיר אנבעטרעפט גלויב איך אז דאס איז מעגליך, ניט בלויז דערפאר וואס זיי האבען א דונקעלע פארב און געקרייזעלטע און וואליגע האאר, נור ווייל די איינוואוינער פון קאלטשיס, מצרים און עטהיאפיא (כוש) זיינען די איינציגע פעלקער אין דער וועלט, וועלכע זיינען זיך מל פון צייטען אזוי לאנג צוריק וואס מען קען מעהר ניט גערענקען.

"ווייל די פעניציער און דאס פאלק פון פאלעסטינא גיבען צו אז זיי האבען דיזען מנהג איבערגענומען פון מצרים, דאס איז אויך אמת פון די אסיריער.

"וואס אנבעטרעפט מצרים און כוש, איז מיר אונמעגליך צו וויסען ווער ס'האט דיזען מנהג גענומען ביי וועמען, ווייל בייביידע איז ער שוין זעהר אן אלטער מנהג. ס'איז אבער מעגליך אז די עטהאפיער האבען עס גענומען פון די מצרים, וועהרענד פארקעהרט, די כנענים האבען אבגעשאפט דעם מנהג פון מל זיין זייערע ניי־געבוירענע קינדער זייט זיי האבען אנגעהויבען פיהרען א גרעסערען מסחור מיט די גריכען".

און וואלטער זאגט ווייטער:

"פון דעם וואס הערעדאט זאגט, איז צו זעהען אז פיעלע האבען איבערגענומען דיזען מנהג פון די מצרים, אבער קיין שום נאציאן האט קיין מאל ניט פרעטענדירט צו האבען גענומען דיזען מנהג ביי די אידען.

"ווער אלזא האט איינגעפיהרט דיזען מנהג? צי א נאציאן

פון וועלכער פינף אדער זעקס אנדערע גיבען צו אז זיי האבען פון איהר דיזען מנהג גענומען. צי אנאנדער נאציאן, א פיעל שוואכע־רע, וועניגער קאמערציעל, וועניגער קריעגעריש, בעהאלטען ערגיץ אין א ווינקעל פון אראביען, וועלכע האט קיינמאל ניט איבערגע־געבען קיינע פון איהרע מנהגים צו אנאנדער פאלק?

"די אידען גיבען צו אז זיי זיינען פון די מצרים אויס רחמנות אויפגענומען געווארען פיעלע דורות צוריק.

"איז עס ניט וואהרשיינליך אז א קלענער פאלק האט נאכגע־טהאן א מנהג פון א העכערען פאלק? און אז די אידען האבען אנגענומען מאנכע מנהגים פון זייערע בעלי־ביתים?

"קלעמענט פון אלעקסאנדריען דער צעהלט אז ווען פיטאגא־ראס האט דורכגערייזט דורך מצרים האט ער זיך געמוזט מל זיין כדי צו ווערען צוגעלאזען צו די עגיפטישע מיסטעריען. עס איז דער־פאר געווען אבסאלוט נויטיג כדי צו זיין א פריסטער אין מצרים. דיזע פריסטער האבען עקזיסטירט ווען יוסף איז געקומען קיין מצרים.

"די רעגיערונג איז געווען פון גרויס אלטקייט, און די אלטע צערעמאניען פון לאנד פלעגען אבגעהיט ווערען מיט גרויס פינקט־ליכקייט.

"די אידען גיבען צו אז זיי זיינען געווען אין מצרים צוויי הונדערט און פינף יאהר. זיי זאגען אז אין דיזער פעריאדע זיינען זיי ניט גע'מל'ט געווארען. דערפון איז קלאר אז פאר צוויי הונ־דערט און פינף יאהר האבען די מצרים ניט גענומען דיזען מנהג פון די אידען. וואלטען זיי אנגענומען דיזען מנהג נאך דעם וואס די אידען האבען ביי זיי גע'גנב'ט (וואס א גוי קען איינפאלען) די כלים וועלכע זיי האבען ביי זיי געבארגט און ווי זיי אליין דער־צעהלען מיט דעם רויב אנטלאפען אין דער מדבר?"

"וועט א האר אננעהמען דעם הויפט־צייכען פון א רעליגיאן פון רויבערישע און אנטלאפענע שקלאווען?

"דאס איז ניט אין דער מענשליכער נאטור!

"עס ווערט געזאגט אין ספר יהושע אז די אידען זיינען גע־מל'ט געווארען אין דער מדבר. "איך האב אייך בעפרייעט פון דער שאנדע פון מצרים (היום גלותי את חרפת מצרים מעליכם, יהושע ה')". וואס אבער האט דיזע שאנדע געקענט זיין צו א פאלק

וועלכעס האט געלעבט צווישען פעניציער, אראבער און עגיפטער, אויב ניט עפעס וואס האט זיי נמאס געמאכט צו דיזע דריי נאַציאָנען ?

ווי גרינדליך איז די שאַנדע אוועקגענומען דורך אריינטערנעהמען א קליינעם טייל פון דער ערלה ?

מוז ניט דיזע פערטייטשונג בעטראכט ווערען אלס די נאַטירליכע מיינונג פון פסוק ?

און ברענגענדיג נאך בעווייזע פאר זיין בעהויפטונג, שליעסט וואלטער דאס קאפיטעל איבער "בעשניידונג" פרובירענדיג צו ערקלערען פון וואנען דיזער מנהג שטאמט. אט וואס ער דענקט :

ס'איז העכסט וואהרשיינליך אז די מצרים וועלכע האבען פארגעטערט דאס אינסטרומענט פון מענשליכער רעפראדוקציאן און וועלכע האבען דאס בילד דערפון געטראגען מיט גרויס פאראד אין יעדער פראצעסיאן, זיינען געפאלען אויפ'ן געדאנק מקריב צו זיין צו די געטער "איזיס" און "אסירים", דורך וועמען אלעס פון דער ערד איז בעשאפען געווארען, א קליינעם חלק פון דעם ארגאן מיט וועלכען דיזע געטער האבען פארבינדען דאס פאראייביגען פון דער מענשליכער ראסע".

אט איז א טייל פון ענטפער וואס די פוילישע און דייטשע אידען האבען געגעבען וואלטער'ן :

"אבער איהר וועט זאגען פון וואנען האבען די מצרים געבארגט דעם מנהג פון מל זיין ?

פון וואנעט אייך געפעלט, הערר !

עס אינטערעסירט אונז ווייניג דאס צו וויסען ! און מיר גלויבען אז מעהר ווי סברות איז דאריבער ניטא.

„מאנכע געלעהרטע בעשטעטיגען אז די מצרים האבען דיזען מנהג ערהאלטען פון זייערע פריסטער און די פריסטער האבען דאס גענומען פון יוסף'ן.

„עס איז ניט אונוואהרשיינליך אז די עגיפטישע פריסטער האבען נאכגעטהאן א מנהג וועלכער איז געווען געברויכט פון אן ערשטען מיניסטער, וועמענס גרויסע חכמה זיי האבען בעוואונדערט און וועמען זיי האבען געהאט צו פארדאנקען פאר זייער אייגענטהום'ס רעכט און פריווילעגיען. דאס וואלט ניט געווען א פאל וואו העדרען טהוען נאך זייערע שקלאפען.

„אנדערע ווײַטער דענקען, און מיר שטימען מיט זײ אײַן, אז די מצרים האבען דיעזען מנהג גענומען פון די אראבער, וועלכע שטאמען פון אברהם'ן, ווײַל דיעזע אראבער זײַנען געווען די הער־שער פון מצרים א געוויסע צײַט און ס'איז גאר ניט וואונדערבאר צו זעהן א בעזיעגט פאלק זאל נאכטהאן די מנהגים פון זיעגער.

„וואס קלעמענס פון אלעקסאנדריען דערצעהלט, מאכט דיזע פערמוטונג נאך זיכערער, ווײַל ער זאגט אז די בעשנײַדונג פון די מצרים איז פיעל מעהר עהנליך צו דער בעשנײַדונג פון די ארא־בער אײדער די אידען (אידען זײַנען מל צו די אכט טעג, אראבער און מצרים צו דרײַצעהן יאהר).

„דאס הערר זײַנען אונזערע געדאנקען איבער דער ענטשטע־הונג פון בעשנײַדונג בײַ די מצרים און בײַ די אידען.

„זײַט איהר אלץ פערליעבט אין אײַער מײַנונג? אויב יע, בלײַבט בײַ איהר! אבער אויב איהר ווילט אײַנרײַדען אײַערע לע־זער אויך צו בלײַבען בײַ דיזער מײַנונג, גיט זיך די מיה זי צו אונטערשטיצען מיט בעסערע באווײַזע, און נעהמט ניט אוועק בײַ איהר די איבערצײַגונגס־קראפט דורך ווידערשפרעכונגען. אבער, הויפטזעכליך, אזוי ווי איהר שטיצט זיך אויף די בעווײַזע פון הע־ראדאט האט אליין א בעסערע מײַנונג פון איהם און איבערזעצט איהם מיט מעהר פינקטליכקײַט".

דאס ווײַטערע בעציהט זיך אויף אן אנדערע שטעלע אין בוך און לויטעט אזוי:

„צוערשט האבען מיר זיך געוואונדערט איבער אײַער טעות ווען אבער מיר האבען ענטדעקט פון וואנעט אײַער טעות נעהמט זיך, האבען מיר זיך אויפגעהערט צו וואונדערען. דער טעות ליגט אין לאטײַנישען איבערזעצער. ווען איהר פאלגט נאך בלינד און וועלכער פארפיהרט אײַך. מיר האבען אײַך געכאפט בײַ דער האנד און איהר קענט אײַך ניט פערטהײדיגען.

איהר איבערזעצט הערעדאט פונקט ווי איהר איבערזעצט די תורה פון א לאטײַנישער איבערזעצונג.

„א מאן זאל פרעטענדירען צו פארשטעהן גריכיש, העברע־איש א. ז. וו. און דאך איבערזעצען פון א לאטײַנישער איבערזע־צונג אהנע א קוק צו טהאן אין אריגינאל...

„איהר *פיהלט, הערר, וואס עס קען געזאגט ווערען איבער אזא מענש; דאס איז גענוג! מיר זיינען אידען און מוזען שוויי־גען, אבער פיעלע קריסטיליכע קריטיקער וועלען אפשר ניט זיין אזוי שרעקעדיג!"

ס'איז דא ווערט צו באמערקען אז יאזעפוס פלאוויאוס בע־ציהט זיך אויך אויף הערראדאט, און ציטירט דיזעלבע שטעלע פון דיזען היסטאריקער, וועלכע וואלטער ציטירט. ניט מעהר, וואל־טער דיסקרעדיטירט דיזען היסטאריקער און שטיצט זיך אויף איהם ווען ער רעדט וועגען אידען.

.19

ווער איז געוועזען משה רבינו?

עס קומט צור בלום אליין די ביען
אליין פאראייביגט זיך דער מין
עס קומט אליין דער טייך צום ים
די חיה אליין זי קומט צום פלאם
דער ניגון קומט אליין צור הארף
נור גאט און מענש א מעקלער דארף!
ל. ר.

מיר ווילען ערשט איבערגעבען דעם שרייבער'ס מיינונג אי־בער משה'ן וועלכע איז געוועזען געדרוקט אין דער „פרייע ארביי־טער שטימע" נומ. 46. כדי צו ווייזען אז די אונגינסטיגע מיי־נונג איבער אברהם'ן שטאמט ניט פון אונטאלעראנץ פון שרייבער נור ווייל פון א פערזאן ווי די תורה שטעלט פאר אברהם'ען קען מען קיין בעסערע מיינונג ניט האבען.

דאס פאלגענדע איז אן ענטפער צו דער פראגע:
ווער האט משה'ן געשיקט צו פרעה'ן?

ווען פראפעסאר גרעטץ ענטפערט אויף דיזער פראגע, ער־לויבט ער זיין אידיש הארץ גובר צו זיין זיין מענשליכען שכל. דער איד בעזיעגט דעם היסטאריקער. אט וואס גרעטץ ענטפערט:

"וואס בעדייטעט דיזער פראפעטישער גייסט? אפילו יע־נע, וועלכע האבען געפארשט די סודות פון דער וועלט צו די

סודות פון דער נשמה אין איהר גריף פון וועלט־אל, קענען ניט ענטפערען, וואס דאס איז.

„דאס אינעווענינגסטע לעבען פונ'ם מענשען האט טיעפקייטען, וועלכע זיינען געבליבען. פארבארגען פאר'ן שארפסטען פאר־שער.

„מען קען אבער ניט לייקענען, אז דער מענשליכער שכל קען אהן דער הילף פון די חושים ווארפען א וייט־זעהענדיגען בליק אין דער רעטהזעלהאפטער קייט פון פאסירונגען און אין דעם פערוויקעלטען שפיעל פון קרעפטע.

„דורך אן אונפערשטענדליכע פעהיגקייט פון דער נשמה האט דער מענש ענטדעקט אמת'ען וועלכע קענען ניט מיט די חושים בעגריפען ווערען...

„אויב די נשמה פון א שטערבליכען איז אמאל געווען באגאבט מיט ליכטיגע, פראפעטישע פאראויסזעהונג, איז דאס געווען דער פאל מיט דער ריינער, אונזעלבסטזיכטיגע און ערהאבענע נשמה פון משה'ן".

דאס איז ניט היסטאריע, דאס איז נביאות!

דאס שעהנסע דערביי איז, אז די נביאות איז גארניט נויטיג, ווייל לויט דער געשיכטע, ווי די תורה אפילו גיט זי איבער, זעהט זיך ארויס די ריינע, אונזעלבסטזיכטיגע, ערהאבענע נשמה פון משה'ן.

ווען מען בעטראכט משה'ן אין דעם ליכט פון מאנכע פון די רעליגיאנס ־ לעהרער, רעליגיאנס ־ רעפארמאטארען, רעליגיאנס־פרעדיגער און די צוויי גרעסערע און מעהרערע קלענערע רעליגיאנס־גרינדער נאך משה'ן, זעהט מען ערשט קלאהר די גרויסקייט פון משה'ן.

אין וואס בעשטעהט זיין גרויסקייט?

רעליגיאן איז געבויט אויף ליגען, אימער אזוי געווען, און האט אנדערש ניט געקענט זיין.

רעליגיאן איז געשטיצט אויף גאט, און גאט איז ליגען. אלע, אדער כמעט אלע, רעליגיאנס־גרינדער, האבען דאס געוואוסט, און משה בעסער פון זיי אלע. דער חילוק אבער צווישען משה'ן און די אנדערע איז דיוזער: אלע רעליגיאנס־גרינדער האבען אין זיי־

ערע סיסטעמען אריינגענומען אזוי פיעל ליגען, וויפיעל דער סיס־טעם האט געקענט פערטראגען. משה אליין האט זיך בענוצט מיט דער קלענסטער סומע ליגען, וועלכער האט זיין סיסטעם גע־קענט דערהאלטען. משה איז דער איינציגער, וואס האט זיך בע־נוצט מיט ליגען נאר דאן, ווען עס איז געווען אבסאלוט נויטיג, און אויך דאן אזוי וועניג, ווי עס איז נור מעגליך געווען.

משה האט געהאט צו טהאן מיט א פערווילעדעט, פער־שקלאפט, ערנידריגט, אונוויסענדעם פאלק, א פאלק אזוי צו־דריקט אין קערפער און גייסט, ווען משה איז ערשיענען, אז קיין ווארהייטען, ווי גרויס זיי זאלען ניט זיין, וואלטען פון דעם פאלק גארניט פערשטאנען געווארען, ווייל צו פערשטעהן א ווארהייט איז נויטיג א געוויסע סומע אינטעליגענץ, סיי פאר א יחיד, סיי פאר א פאלק. און דאס פאלק, וואס איז געווען קנעכט ביי די מצרים, האט די נויטיגע סומע אינטעליגענץ ניט געקענט האבען.

וואלט משה אפילו געהאט א ווארהייט, וואלט ער זי גאר ניט געקענט געברויכען...

וואס האט משה געקאנט טהאן?

משה האט געוואלט די אידען בעפרייען.

דער ערשטער צייכען פון א גרויסען מענש, זאגט שילער, איז, וואס ער קען קיין אונגערעכטיגקייטען ניט צוזעהן. משה האט געזעהן דעם אונרעכט, וואס די עגיפטישע הערשער בעגעהען גע־גען די אידען און ער האט בעשלאסען די אידען צו בעפרייען.

בעפרייען? און ניט מעהר?

ווען משה וויל בלויז בעפרייען די אידען פון קנעכטשאפט, האט ער ניט נויטיג געהאט ניט קיין אמת'ען און ניט קיין פאלש־קייטען. ער האט בלויז געדארפט אפעלירען צום מענש, צום פי־זישען כוח, און דאס וואלט אפשר גענוג געווען. דאס וואלט ארויסגערופען א רעוואלוציאן.

די מצרים זיינען שטארקער געווען? זיינען געווען מעהר אין צאהל? זיינען געווען פארבערייטעט פאר אן אויפשטאנד?

די אידען זיינען געווען שטארקער: זיי האבען ניט געהאט וואס צו פערלירען. משה האט אבער געוואלט מעהר ווי פריי־הייט פאר זיין פאלק. משה איז געווען א גרויסער מענש, ער

האט געוואלט זיין פאלק זעהן גליקליך. און בויען דאס גליק פון זיין פאלק אויף פאלשקייטען, האט ער ניט געוואלט; ווארהייטען האט ער ניט געהאט.

וואס האט משה געטהאן?

ער האט זיך בענוצט מיט אזוי וועניג ליגען, וויפיעל די אומשטענדען האבען ערלויבט.

האט משה געקענט אויסקומען אהן פאלשקייטען? עס שיינט, אז ניט. און כדי דאס צו בעווייזען, דארפען מען בלויז פערגלייכען משה'ן מיט קריסטוס'ען. משה'ס וועלט איז געווען מיט פופצעהן הונדערט יאהר אינגער פון קריסטוס'עס וועלט. די אידען אין משה'ס צייטען זיינען, אלס נאציאן, געווען אין דער קינדהייט. ניט עלטער זיינען זיי געווען מיט דעם שייכות צו א העכערע רעליגיאנס-פארמע. אין קריסטוס'עס צייטען האבען אידען שוין געהאט הינטער זיך א טויזענד-יעהריגע ערפאהרונג, אלס נאציאן, און אויך פיעל רעליגיעזע ערפאהרונג. און דאס איז געווען דער פאל ניט נור מיט די אידען, נור מיט אלע פעלקער פון דער דאמאלס בעקאנטער וועלט.

נאציאנען, ווי קינדער, לערנען פון ערפאהרונג. וואס עלטער זיי ווערען, אלץ קליגער ווערען זיי. משה האט פאר זיך געהאט א נאציאן אין איהר סאמע קינדהייט, אהן שכל און אהן ערפאהרונג. מיר ווייסען, אז פרימיטיווע מענשען, פונקט ווי קינדער, קענען קיין ווארהייטען ניט בעגרייפען.

און אויב א רעליגיאנס-גרינדער האט א רעכט געהאט זיך צו בענוצען מיט ליגען כדי א נאציאן ארויסצוראטעווען פון סאציאלען און מאראלען אונטערגאנג, איז דאס געווען משה. משה, לויט די ארבייט, וואס ער האט אויפגעטהאן, האט א רעכט געהאט זיך צו בענוצען מי לויטער ליגען. ער האט דאס אבער ניט געטהאן.

די עשרת הדברות זיינען די מאראלע פעלזען, אויף וועלכע משה האט געבויט דעם רעליגיעזען און עקאנאמישען בנין פון אידישען פאלק. און בעטראכט מען דיזע צעהן פעלזען, וועלכע זיינען דער פונדאמענט פון משה'ס ארבייט, געפינט מען, אז בלויז איינער איז א פאלשער, א טוישונג. ניט קיין פעלז נור בלויז

זאמד, צוזאמענגעהאלטענע דורך גלויבענס־כישוף, און די ניין אי־בעריגע זיינען געזונדע, שטארקע פעלזן, וועלכע זיינען נאך היינט אזוי שטארק, ניצליך און דויערהאפט, ווי אין יענעם טאג, וואס משה'ס געניטע האנד האט זי ארויסגעהאקט פון בארג פון מענשליכער ערפאהרונג.

דיזער זאמדיגער פעלז, דער איינציגער פאלשער, וואס משה האט געמוזט זיך מיט איהם בענוצען, איז „אנכי יהוה אלהיך״.

קיין אמת האט משה ניט געהאט, אויף אן איינפאכען ליגען האט ער ניט געוואלט בויען, האט ער זיך בענוצט מיט א ליגען, וועלכען מען קען ניט בעווייזען. „יהוה״ איז אזא ליגען!

דיזען ליגען, וועלכען מען קען ניט בעווייזען, האט משה גענומען ביי די עגיפטישע פריסטער. „יהוה״ איז אבער געווען בלויז א קליינער טהייל פון די ליגען, וואס האבען זיך געפונען ביי די עגיפטישע מיסטעריען. יענע מיסטעריען האבען אין זיך געהאט נאך א גראנדיעזען ליגען, פון וועלכען משה האט זיכער געוואוסט, ווייל ער איז אין דיזע מיסטעריען ערצויגען געווארען. דיזער צווייטער גרויסער ליגען איז געווען דער גלויבען אין עולם־הבא. א ליגען, וועלכער איז צווייטער אין ראנג פון גרויסקייט נאך דעם ליגען פון גאט. האט משה זיך מיט דיזען ליגען בע־נוצט? ניין! און אז דיזער ליגען איז געווען א גאנגבארער אר־טיקעל, קען מען זעהן, ווי גאנגבאר דיזער ליגען איז נאך היינט. ער איז היינט נאך אזוי פריש און לעבעדיג צווישען ארימען פאלק, פון כמעט אלע רעליגיאנען, גלייך ווי מען האט איהם ערשט נעב־טען ארויסגעצויגען פון די עגיפטישע מיסטעריען אין דער ליכ־טיגער וועלט אריין.

ליגען און פאלשקייטען זיינען ניט די וואפען פון גרויסע מענשען. און משה איז געווען א גרויסער מענש. און פער־גלייכט מען קריסטוס'ען מיט משה'ן, זעהט זיך משה'ס גרויס־קייט ארויס נאך בולט'ער. די ליגען, וואס רינגלען ארום קריס־טוס'עס געבורט און טוידט זיינען איינפאך א בעליידיגונג פאר'ן מענשליכען שכל.

עס איז, נאטירליך, שווער צו זאגען, צי ס'איז פאראן עפעס אמת סיי אין משה'ן און סיי אין קריסטוס'ען. נור ארויסגעהענדיג

פון דעם שטאַנדפּונקט פון די גלויביגע פון ביידע רעליגיאָנען, מוז מען צוגעבען, אז קריסטוס האָט זיך בענוצט מיט די ליגען, וועל־כע משה האָט פעראכטעט.

און דער ליגען פון א יענע וועלט קומט טאַקי צו די אידען פון היידענישע קוועלען.

און משה, וועמען אזא ליגען וואָלט זעהר גוט צונוץ געקומען, האָט זיך מיט איהם ניט בענוצט.

מען געפינט ניט קיין וואָרט דערמאָנט אין תורת משה אי־בער א יענע וועלט, אפילו ניט אָנצוהערענים. און דערפון מע־גען מיר שליסען, אז משה האָט זיך בענוצט מיט אזוי ווענינ לי־גען, ווי מעגליך — עפּעס, וואָס אנדערע רעליגיאָנס־גרינדער, מיט דער אויסנאַהם פיללייכט פון בודהא און קאָנפוציאוס האָבען ניט געטהאָן.

א דריטער ליגען האָט זיך געפונען אין דער אלטער עגיפּ־טישער רעליגיאָן, דער גלויבען אין השארת הנפש", „אונשטערב־ליכקייט דער זעעלע". און באַטש דיזען ליגען, וועלכער איז צו די אידען געקומען פון פּערזישע קוועלען, איז נאָך היינט א גאַנגבאַ־רער ארטיקעל אין די רעליגיעזע קראָמען. דאָך האָט משה זיך ניט בענוצט מיט איהם.

20.

ווען האָט מען מל געווען משה רבינו?

פון דעם מנהג פון אָבשניידען שטיקער פון טויטען קערפּער, איז ענטשטאַנען דער מנהג אָבצושניי־דען שטיקער פון לעבעדיגען קער־פּער.

ספּענסער.

מיר וועלען פריהער אויפצייגען, ווי „מיסטעריעז" די האַנד־לונגען פון יהוה זיינען. געוואָלט האָט יהוה, אז אידען זאָלען גע'מל'ט ווערען צו די אכט טעג. ער האָט דאָך אליין אזוי בע־פוילען, און אזוי איז דאָך פון יצחק'ן ביז צו היינטיגען טאָג, דאָך

זיין ערשטען אידען איז ער מל צו גיין און ניינציג יאָהר. זעהט נור עפּעס! אברהם איז שוין גיין און ניינציג יאָהר אַלט, און דאָס, וואָס איהם איז ניט געלונגען א יאָהר נאָך דער חתונה, איז איהם געלונגען א יאָהר נאָך דער ברית־מילה! צו הונדערט יאָהר האָט ער אַ קינד, ווייל צו גיין און ניינציג ווערט ער „בעשניטען".

וואָס בעווייזט דאָס?

זאָל דער לעזער אליין נאָכדענקען. מיר וועלען בעטראַכטען דיזען מנהג מיט'ן שייכות צו משה רבינו.

משה, לויט מאָדערנע פאָרשער. קען בעטראַכט ווערען, אַלס דער ערשטער איד, זיכער איז זין פון גרויסקייט און אויך אפשר אין היסטאָרישען זין. וואַלנעי איז פון דיזער מיינונג. משה ווערט אויסגעקליבען פון גאָט אליין — וואָס דאַרף מען נאָך מעהר? דער אידישער גאָט האָט דאָך געוויס אויסגעקליבען דעם בעסטען אי־דען? ווייל, ווי קען עס דען אנדערש זיין? און דיזער בעסטער און גרעסטער איד, דיזער מעקלער פון אידישען גאָט, יהווה'ס איינ־ציגער אַגענט אויף דער אידישער טעריטאָריע, דיזער משה, אונ־זער רבי, אונזער נביא, אונזער פיהרער, אונזער וועג־ווייזער, ער פערגעסט עס מל צו זיין זיין קינד!

א דריי גראָשענדיגער איד און א צוויי גראָשענדיגער פריי־דענקער לעגען איין וועלטען וועגען מל זיין זייערע קינדער. און משה רבינו — גאָרניט. פאַר איהם איז מל זיין ניט אזוי וויכ־טיג און ער האָט עס אין גאַנצען פערגעסען. פאַרגעסען דעם גאַנ־צען פונדאַמענט פון אידישקייט! און ווער? משה, דער ער־שטער און גרעסטער איד!

אַ, איהר פריידענקער! ווי ווייט איהר זייט פון דענקען!

מילא דער גלויבינגער איד דענקט ניט, אַבער וואו איז דער פרייער איד? פאַר וואָס איז ביי איהם דיזער בלוטיגער מנהג אזא וויכטיגע זאַך?

און איז צפּרה, די טאָכטער פון א מדין, געווען אַ מוהל?

זאָל דער גלויבינגער איד ענטפערען, וואָס די תורה מיינט, ווען זי דערצעהלט: "צפּרה האָט גענומען א מעסער (שטיין) און זי האָט אַבגעשניטען די פאָרהויט פון איהר זוהן און האָט עס גע־וואָרפען צו משה'ס פיס און זי האָט געזאָגט: „א בלוטיגער חתן

ביזטו צו מיר". און גאט האט משה'ן אבגעלאזט, און דאן האט זי געזאגט: "א בלוטיגער חתן וועגען דעם מל זיין".

יור אנשטאט דער גלויביגער איד זאל ענטפערען, זאל ער בעסער פרעגען: "וואס רעדט עפעס צפרה פון א חתן? ווער איז דער "חתן דמים למולת". דער בלוטיגער חתן פון מל זיין? וואס פאר א שייכות איז פאראן צווישען קינד און חתן. דיזער פאקט שיינט צו צייגען, אז ניט תמיד האבען אידען מל געווען זייערע קינדער צו די אכט טעג. נור פונקט ווי אלע אראבער, פלעגען זיי דאס טהאן פאר דער חתונה, אלס א קרבן צו דער געטין פון פרוכט־בארקייט.

די תורה דערצעהלט, אז גאט האט אנגעכאפט משה'ן ביים גארגעל און איהם געוואלט דער'הרג'ענען. און ערשט, ווען צפרה מאכט מיט א שטיין די נויטיגע אפעראציע, לאזט גאט אב משה'ן.

רבי ישראל אברהם'ס, א לעקטשורער איבער תלמוד'ישער ליטעראטור אין דער אוניווערזיטעט פון קעמברידזש, זאגט אין דער ענצ. בריטאניקא, אז משה'ס לעבען איז געווען אין געפאהר, ווייל ער האט זיך ניט מל געווען פאר דער חתונה.

און דאס מאכט שוין פערשטענדליך, וואס צפרה רעדט פון א "בלוטיגען חתן".

לאנג איידער אידען זיינען ערשינען אויף דער היסטארישער ביהנע, האבען די סעמיטישע אראבער מל געווען זייערע זיהן פאר דער חתונה, און אין דער אראבישער שפראך האט דאס ווארט "חתונה" צוויי בעדייטונגען: איין בעדייטונג פאר'ן ווארט איז "הייראטה" און א צווייטע בעדייטונג איז "מל זיין".

שפעטער ערשט האבען אידען איינגעפיהרט מל זיין צו די אכט טעג, וואס דאס איז געווען א גרויסע רעפארמע.

.21
איז משה געווען פאר ארער געגען מל זיין?

דירעקט, אז משה איז געווען געגען דיזען העסליכען מנהג, איז קיין בעווייז אין דער תורה ניטא.

אינדירעקטע בעווייזע אבער זיינען פאראן גאנצע פינף.

ווען משה איז געקומען צו די אידען האט ער זיי געטראפען פארזונקען אין געצענדיענסט און אנהענגער פון פיעלע פון די העס־ליכסטע און בלוטיגסטע מנהגים פון מצרים.

א חוץ מל זיין און קרבנות, די צוויי נידריגסטע פון אלע ניד־ריגע עבודות־זרות, האבען די אידען גענומען פון די מצרים די פאל־גענדע אומרייניקייטען.

דאס גאלען די האר פון די קעפ פון די כהנים.

די קטורת, די מנורה, די פרה־אדומה, די פלאנץ „אזוב" וועל־כע מען פלעגט פארברענען מיט דער רויטער קוה, דאס ניט עסען קיין חזר, דאס ניט מישען זיך מיט'ן געשיער פון פרעמדע און דער געטליכער אדער טייפעלשער עזאזל.

אהרן, דער אונגעבילדעטער אהרן, האט פארמעהרט די אי־דישע אויפשפראצענדע רעליגיאן מיט א גאט פון מצרים, א גאל־דען קאלב.

דער געבילדעטער משה האט געשטרעבט די יונגע אויפשפרא־צענדע אידישע רעליגיאן, צו רייניגען פון אלע עגיפטישע אומריי־ניגקייטען, משה איז אבער אויך געווען א קלוגער רעפארמער. ער האט פארשטאנען אז אין רעליגיעזע זאכען קען מען ניט אריינ־ברייננגען קיינע ענדערונגען מיט געוואלד, נור לאנגזאם, מיט שכל, ביסלאך־ווייס.

אזוי האט משה געטהאן מיט קרבנות און אנדערע העסליכע מנהגים. און מל זיין אבער איז משה געגאנגען פיעל ווייטער. ער האט דיעזען עקעל געוואלט אין גאנצען אבשאפען.

אט זיינען אונזערע בעווייזע:

1) מען דארף האבען אין זין אז די מייסטע געבאטען און פערבאטען וואס משה גיט די אידען איז כדי זיי צו האלטען אזוי ווייט ווי מעגליך אבגעזונדערט פון די ארומיגע געצענדינערישע פעלקער.

דאס פראקטישסטע וואס משה האט געקענט טהאן איז גע־ווען זיי אבצושרעקען פון פרעמדע מנהגים און איינפיהרען ביי די אידען נייע איינענע מנהגים, און מ ל ז י י ן א י ז א פ ר ע מ־ד ע ר מ נ ה ג.

דעם מנהג פון קרבנות האָט משה שטאַרק מאָדיפיצירט. מל־זיין האָט ער אָבער אין גאַנצען געוואָלט אונטערברענגען.

די עשרת הדברות זיינען דער פונדאַמענט פון משה׳ס רע־ליגיעזען סיסטעם.

לויט דעם אידישען גלויבען איז מל זיין דער סאַמע עיקר פון אידישקייט.

איינע פון די הדברות איז ״כבד את אביך ואת אמך״. ס׳איז אַ גאַנץ לייכטער געבאָט, יעדער טהוט עס אהן אַ געבאָט, אויב איינער טהוט עס ניט, ווייסט אויך קיינער ניט. ווייל דאָס אָב־היטען אָדער ניט אָבהיטען פון דיזען געבאָט געהערט אין ענגען קרייז פון דער פאַמיליע. די נאַציאָן בעריהרט עס ניט. דעם קיום פון דער נאַציאָן סטראַשעט דאָס אויך ניט און דאָך, כדי פול צו מאַכען דעם נומער צעהן האָט משה דיזען געבאָט אריינגעשטעלט אין די סאַמע פונדאַמענטאַלע געזעצע פון דער נאַר וואָס אויפ־בליהענדער רעליגיאָן פון אַ בעפרייטען שקלאַף.

מיט וויפיעל אָבער איז מל זיין וויכטיגער איידער דיזער פריי־וואַטער געבאָט?

פאַרוואָס האָט משה דעם דין פון מל זיין ניט אריינגעשטעלט אין די הדברות?

אמת, משה דערמאָנט דעם דין פון מל זיין אין ויקרא י״ב, אָבער מאַנכע פון די עשרת הדברות דערמאָנט ער אין דער תורה צו עטליכע מאָל, אַ חוץ דעם וואָס זיי זיינען אַרונטערגעשריגען פון באַרג סיני!

ווען משה זאָל געווען האַלטען דאָס מל זיין פאַר אַזוי וויכ־טיג ווי דער איד פון היינט האַלט עס, וואָלט ער דעם ״המול לכם כל זכר״ אוועקגעשטעלט גלייך נאָך דעם ״אנכי יהוה אלהיך אשר וכו׳״.

וויסענדיג אָבער אַז דיזער העסליכער מנהג קומט פון מצרים, האָט ער מיט איהם ניט געוואָלט בעשמוצען זיינע שעהנע עשרת הדברות און איהם אויסגעלאָזט.

2) משה פערגעסט מל צו זיין זיין קינד.

ווען אַ איד פון היינט, וועלכער קען אַ וואָרט עברי ניט, פערגעסען מל צו זיין זיין קינד?

משה האט אויך ניט פארגעסען. פארקעהרט, משה האט עס שטארק איין זין געהאט און עס געוואלט אין גאנצען אויסלאזען און ווען ניט זיין געצענדינערישע פרוי צפרה, וואלט ער עס ווארשיינ־ליך אויסגעלאזען.

אז דאס מל זיין פון משה'ס קינד איז ניט צוגעגאנגען רוהיג קען מען זעהן פון צפרה'ס צארן און פון גאט'ס צארן. „ויהי בדרך במלון ויפגשהו יהוה ויבקש המיתו". גאט, הייסט עס, מיט וועל־כען משה האט ערשט גערעדט, באגעגענט איהם אויפ'ן וועג און וויל איהם הרג'ענען. דאס איז דער אויסדרוק פון גאט'ס צארן.

צפרה מאכט די נויטיגע אפעראציע, ניט משה, און איהם ווארפענדיג צו זיינע פיס די בלוטיגע שטיק ערלה רופט זי אויס: „חתן דמים אתה לי" ד. ה. א בלוטיגער חתן ביזטו מיר.

דאס איז דער אויסדרוק פון צפרה'ס צארן.

און משה איז געגאנגען געגען צארן פון גאט און ווייב און האט זיינע הענד ניט געוואלט פארפלעקען מיט דיזען בלוטיגען מנהג!

ניין! משה איז געווען גרויס און עהרליך!

3) די אידען האבען אין מצרים דיזען מנהג פון לאנד אב־געהיט.

אין דער מדבר האט מען די קינדער ניט מל געווען.

דאס ניט מל־זיין אין דער מדבר, איז געווען א גרויסע ענ־דערונג אין אן אלטען און וויכטיגען מנהג.

אונטערדעסען, הערט מען אויף מל־זיין און קיינער וואונדערט זיך ניט און קיינער פרעגט ניט פארוואס און ביז ווען? ווער און ווען האט משה דאס ערלויבט?

מיט יעדער קלייניגקייט קומען אידען צולויפען צו משה'ן מיט פראגען און משה ענטפערט אויף אלע.

קלייבט א איד אויף עטליכע שטיקלעך האלץ אום שבת, לויפט מען משה'ן פרעגען וואס צו טהאן מיט דעם שרעקליכען פארברע־כער, און משה הייסט איהם פארשטיינען, אויף גאט'ס בעפעהל.

אזוי מיט די „בנות צלפחד".

שעלט איינער גאט, לויפט מען צו משה'ן.

משה פרעגט ביים וועלטענשעפפער וואס צו טהאן מיט דעם

מענשען־קינד וואס האט איהם געשאלטען אין טאטען אריין, און דער וועלטענשעפפער, אין זיין פארדרוס, הייסט איהם הרג'ענען און אזוי פיעלע מאהל.

אלזא, מיט יעדער קליינינקייט קומט מען צו משה'ן פרעגען. און ווען אידען הערען אויף מל־זיין זייערע קינדער, פרעגט קיינער ניט. מען שניידט ניט און פטור.

איז דאס ניט פארדעכטיג? ווער האט דאס ערלויבט?

האט משה געגעבען א בעפעהל מען זאל ניט שניידען? ווע־ניגסטענס ניט אזוי לאנג די אידען וועלען האלטען און געהען. גלויבענדיג אז ביסלעכווייז וועלען די אידען זיך אבגעוועהנען פון דיזען בלוטיגען מנהג?

פיעלע געלעהרטע אידען גיבען צו אז די תורה, וועלכע מיר האבען היינט, האט אין זיך פיעלע שטעלען געענדערטע, מאנכע מיט אבזיכט און מאנכע פער צופאל.

איז ניט מעגליך אז איינער פון די שפעטערע סופרים האט די־זען בעפעהל אויסגעלאזען און טאקע דערפאר וויל ער איז געווען אויסדריקליך?

איז אפשר גלייכער אז מיר זאלען אננעהמען אז די אידען האבען אויפגעגעבען דעם סאמע עקר פון אידישקייט אויף גאנצע פערציג יאהר ניט פרעגענדיג ביי משה'ן?

אבער זאלען מיר גלויבען אז צו קלויבען א ביסעל האלץ אום שבת איז וויכטיגער ווי מל־זיין?

און ניט נור האבען אידען געמוזט לעבען ניט גע'מל'ט נור פיעל האבען געמוזט שטארבען ניט גע'מל'ט!

אלזא, וועלכעס איז וויכטיגער? מל זיין אדער האלץ קלוי־בען?

4) יהושע איז ערשט מל די אידען, אבער ווען? ערשט ווען גאט דערמאנט איהם.

די אידען אליין דערמאנען זיך ניט!

און אזוי ווי די געשיכטע אז גאט האט גערעדט צו יהושע'ן איז ניט אמת, האט, הייסט עס, יהושע זיך אליין דערמאנט און דיזען בלוטיגען מנהג, וועלכעס צייגט אז דער תלמוד האט ניט דער־וואקסען צו דער הויכקייט פון רבי'ן.

5) פון טויזענד פראסטע אידען היינט, נאך פיער טויזענד יאהריגען מל זיין, וויפיעל פון זיי וואלטען היינט געקענט מאכען דיזע בלוטיגע אפעראציאן? פיליכט איינער!

וויפיעל אידישע פרויען פון טויזענד, וואלטען היינט געוואוסט און זיך אונטערגענומען צו מאכען דיזע עקעלהאפטע אפעראציע? זיכער ניט איינע אין טויזענד!

און צפרה פרעגט ניט ביי קיינעם, נאר כאפט און שניידט. צייגט דאס ניט א בעקאנטשאפט מיט דיזען מנהג פון פריהער?

יעדענפאלס מעהר בעקאנטשאפט פון משה'ן!

און צפרה איז געווען א מדינית.

צייגט דאס ניט אז די מדינים זיינען מיט דיזען מנהג בעקאנט געווען?

צייגט דאס ניט אז דיזער מנהג איז געהאלטען געווארען פון די געצענדיענערישע מדינים?

און וואס מיינט משה ווען ער זאגט "לא תעשה כן ליהוה אלהיך כי כל תועבת יהוה אשר שנא עשו לאלהיכם כי גם את בניהם ואת בנותיהם ישרפו באש לאלהיכם!"

משה פארזאגט די אידען יעדען געצענדיענסט, אויסדריקליך! און איז א בלוטיגער מנהג פון מדין ניט קיין געצענדיענסט?

זאל דער לעזער דא אויפפאסען, קוים נעהמען מיר אן אז משה איז געווען צו גונסטען פון מל זיין, בלייבען די פינף אויבענגע־בראכטע פראגען ניט פארענטפערט.

נעהמען מיר אבער אן אז משה איז געווען געגען דיזען בלוטיגען מנהג, זיינען אלע פינף פראגען פארענטפערט.

האָבען אידען מל געווען זייערע זיהן אין מצרים?

.22

וואו פאָליטישע מאַכט האַלט זיך
אין ענטוויקען איז די מתנה פאר'ן
פיתרער, עסענוואָרג. און דאָרט
וואו דער עלטערן-גייסט ענטוויי-
קעלט זיך צו א גאָט, בעשטעהט
דער קרבן איבעראַל פון עסענווארג.

ספּענסער.

אין לעצטען קאפּיטעל האָבען מיר דיזע פראגע געענטפערט מיט יאָ.

מיר ווילען דאָ ברענגען אַ געגענגעזעצטע מיינונג בלויז ווייל זי קומט פון איינעם וואָס ווייסט מעהר און בעסער פון שרייבער פון דיזע צייל־ען.

דער פאקט, אַז משה האָט זיין קינד ניט מל געווען, צייגט, אַז אידען האָבען פון דיזען געצענדיענערישען מנהג ניט געהאַלטען: זיין געצענדיענערישע פרוי, צפּרה, האָט דערפון יאָ געהאַלטען.

געוויס וועט דאָ אַ פרומער איד ווערען אין כעס און זאָגען: אַז אידען האָט יאָ מל געווען זייערע זיהן אין מצרים, און אַלס בעווייז וועט ער ברענגען דעם בעפעהל פון יהוה צו יהושע'ן, אַז ער זאָל מל זיין די אידען אַ צווייטען מאָל. אין יהושע ה' ווערט דערצעהלט, אַז אַלע, וועלכע זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, זיינען געבוירען געוואָרען אויפ'ן וועג אין דער מדבר, זיינען ניט געווען גע'מל'ט.

זאָל אָבער דער פרומער איד פּראָבירען געבען אַן ענטפער אויף פאָלגענדער פראַגע: נאָך דעם, ווי אַלע אידען זיינען בעשניטען געוואָרען, זאָגט יהוה צו יהושע'ן: "היינט האָב איך פון אייך אַרונטערגענומען די שאַנד פון מצרים".

און וואָס קען דיזע בעמערקונג מיינען?

אויב מיט "מל זיין" האָט ער אַרונטערגענומען פון זיי די שאַנדע פון מצרים, האָט די שאַנדע געמוזט בעשטעהן אין "ניט גע'מל'ט זיין" אין מצרים, ווייל אויב די אידען זיינען אין מצרים

אויך געווען גע'מל'ט, איז דאך ניט געווען קיין שאנדע פון זיי' אראבצונעהמען!

ר' ישראל אברהם זאגט אויסדריקליך אט וואס:

"דער מנהג פון מל זיין איז איינגעפיהרט געווארען פון יהושע'ן". און ער ברענגט די אויבענגעבראכטע ציטאטע צו בע־שטעטיגען זיין בעהויפטונג און זאגט:

"די מצרים פלעגען מל זיין זייערע קינדער, די אידען ניט. און דערפאר פלעגען די מצרים קוקען אויף די אידען מיט פער־אכטונג (פונקט ווי א איד קוקט אויף אן ערל). און ווען יהושע האט אלעמען מל געווען, האט ער מיט רעכט געזאגט, אז היינט האט ע רפון זיי ארונטערגענומען די שאנדע, די פעראכטונג, וואס די מצרים האבען צו זיי געפיהלט". דעם פלאץ, וואו ער האט די אידען מל געווען, האט ער א נאמען גענעבען "גלגל", וואס מיינט "אראבנעהמען".

23.

שטאמט אפשר מל זיין פון חוש פון ריינליכקייט?

אלע פאקטען צייגען אז וועהרענד דיזער מנהג איז ניט פאראן צווי־שען די גאנץ ריינע ראסען אויף דער וועלט, איז ער פאראן צווישען די גאנץ אומריינע ראסען.

ספענסער.

דאס זיכער ניט, ווייל דיזער מנהג געפינט זיך צווישען אזיא־טישע און אפריקאנישע שבטים, וועלכע זיינען שרעקליך שמוציג, מאנכע פון וועלכע האבען ניט דעם סאמע עלעמענטארסטען בעגריף פון ריינליכקייט, שוין ניט רעדענדיג פון היגיענישע בעגריפע!

איז עס טאקע געזונד?

דאקטאר פריעדענוואלד, איז דער דזש. ענציקלאפעדיע זאגט פאלגענדעס: "מען בעהויפטעט, אז "מל זיין" איז א שוץ צו סיפילים. אז עס שיצט עפעס געגען סיפילים קען קיין צווייפעל ניט זיין, אבער איך האב בעמערקט צופיעל פעלע פון אנגעפאנ־

גענע סיפילים אין אזעלכע, וועלכע זיינען געווען גע'מל'ט. און קען דערפאר ניט אננעהמען, אז דאס ״מל זיין״ גיט וועלכע ניט איז בעשטימטע בעשיצונג געגען סיפילים״.

אז א מוהל איז גע'מל'ט, איז במעט זיכער. פון דעסטוועגען האט א מוהל פון קראקוי אנגעפילט פיעלע אונשולדיגע, געזונדע קינדער מיט סיפילים מיט זיין שמוציגען, קראנקען מויל, דורך דעם עקעלהאפטען מנהג פון מציצה. און ווען מען האט געמאכט א געוואלד געגען אזא שענדליכקייט, האבען פרומע אידען אויפ־געהויבען א פראטעסט.

דאס איז רעליגיאן.

קיין בעסערען בעווייז פון דער שעדליכקייט פון רעליגיאן, קען מען ניט בדענגען, ווי דעם פאקט, אז צוויי ווילדע און האלב־ווילדע שבטים פון אפריקא, די זולוס און די גאלאס האבען אויפ־געגעבען דאס מל זיין אזוי שנעל, ווי זיי זיינען געקומען אין בע־ריקרונג מיט אייראפעער. דאס האבען זיי געטהאן אוים בושה פאר דער אייראפעאישער ציוויליזאציאן.

און דער מאדערנער איד, דורך זיין אזיאטישער רעליגיאן, שטאלצירט מיט א מנהג, מיט וועלכען א ווילדער אפריקאנער שעהמט זיך.

אונגליקליך איז א פאלק, וואס בעזיצט ניט גענוג מוטה זיך צו בעפרייען פון אזא שענדליכער קייט אויף זיין גייסט!

.24

מל זיין פערטיידיגט.

דורך דער קראפט פון אומשטענדען
ווערט דער מענש אן היפאקריט
און אפלאדירט עפענטליך וואס ער
פערדאמט אין געהיים.

דאקטאר דרייפער.

אין דער ״פרייער ארבייטער שטימע״ פון דעם 24טען יולי 1915 איז ערשיענען אן ארטיקעל איבער ״בעשניידונג״ פון א געוויסען דאקטאר בען־עמרם.

אַט איז ער:

"די פראַגע פון "מל זיין" ביי אידען איז ווייט ניט קיין נייע, און אַלט איז זי ווי די אידישע געשיכטע זעלבסט. הונדערטער דעבאַטען פאַר און געגען "מל זיין" זיינען שוין מינדליך און שריפטליך אָבגעהאַלטען געוואָרען; מיט גזירות און אינקוויזיציעס האָט מען דאָס שוין געטרייט צו אונטערדריקען. און דאָך שטעהט זי נאָך אַלץ, ווי אַ ביין אין האַלז. און ווען מיר בעטראַכטען די פאַרטשריט, וואָס די בעמעקפּפער האָבען געמאַכט ביז איצט, איז ווירקליך צום שטוינען, ווי קליין און אונבעדייטענד זיי זיינען.

פרעגט פריינד ראַזענצווייג: "שטאַמט אפשר "מל זיין" פון מענשליכען חוש פאַר ריינליכקייט?" און ער ענטפערט, אַז דאָס זיכער ניט, ווייל דיזער מנהג געפינט זיך צווישען אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע שבטים, וועלכע זיינען שרעקליך שמוציג, מאַנכע פון וועלכע האָבען ניט דעם סאַמע עלעמענטאַרסטען בעגריף פון ריינליכקייט, שוין ניט רעדענדיג פון היגיענישע בעגריפען".

ווי עס ווייזט אויס, שעפּט פריינד ראַזענצווייג זיינע ידיעות וועגען דעם פון דער אידישער ענציקלאָפּעדיע, אָבער ער פערגעסט איבערצוגעבען ביידע זייטען פון מעדאַל. דערזעלבער אַרטיקעל פון דר. פרידענוואַלד זאָגט אונז אויך, אַז דער וואָרט "ערל", וואָס מיינט "ניט גע'מל'ט", בעדייטעט אויך "אונריין", און אַז ביי די אַראַבער, די שבטים פון קליין־אַזיע און נאָרד אַפריקאַ מיינט דער וואָרט "טהר" (ריינליכקייט) אויך "מל זיין". פון דעם אַליין קען מען דרינגען, אַז "מל זיין" און ריינליכקייט האָבען אַ שטאַר־קע שייכות איינע מיט די אַנדערע.

"איז עס טאַקע געזונד?"—פרעגט ווייטער פריינד ראַזענ־צווייג. און ער ציטירט דר. פרידענוואַלד: "אַז עס שיצט עפּעס געגען סיפילים קען קיין צווייפעל ניט זיין, אָבער איך האָב געזע־הען פיעל פעלע פון אַנפאַנגענדע סיפילים אין אַזעלכע, וועלכע זיינען געוועזען גע'מל'ט".

ווען פריינד ראַזענצווייג האָט זיך אָבגעשטעלט כּאריכות אין דער ערשטער העלפט פון זיין אַרטיקעל איבער דער ענטשטעהונג פון "מל זיין", וואָס דאָס איז, לויט זיין מיינונג, ניט אַזוי וויכטיג, האָב איך ערוואַרטעט, אַז ער וועט, וועניגסטענס, מאַכען וועלכע

עס איז אנשטרענגונג, ברענגען מעהר ראציאנאלע פאקטען פון מעדיציניש‏ען שטאנדפונקט, צו בעווייזען, אז עס איז טאקי ניט געזונד, און ניט ערווארטען, אז דער לעזער פון דר׳ פרידענוואלד׳ס בעהויפטונג אין דער איד. ענצ. וועט נעהמען פאר געגוג איבער־צייגענד.

עס איז א פאקט, אז טויזענדער און טויזענדר ניט־אידען לאזען זייערע קינדער און אויך זיך בעשניידען, מיט דער איינציגער אבזיכט צו פערהיטען א פימאָסיס. אז פימאָסים איז אן אלגעמיינע אלטעגליכע ערשיינונג ביי ניט־גע׳מל׳טע, וועט אייך יעדער דאק־טאר ערקלערען, און אז פימאָסים איז אונמעגליך ביי בעשניטענע קינדער, וועט אייך אויך זאגען יעדער דאקטאר.

איז פימאָסים ווירקליך אזא שרעקליכע זאך, אז עס לוינט זיך זאגאר דורכצומאכען דעם ״שמוציגען״ מנהג פון בעשניידונג? דער ענטפער איז, אז עס איז קיין צווייפעל ניט, אז עס לוינט זיך יא.

פראָפעסאר עממעט האלט, איינער פון די גרעסטע אויטאָרי־טעטען אויף קינדער־קראנקהייטען אין אמעריקא, האט פאלגענדעס צו זאגען וועגען פימאָסים:

״דער צעטעל פון רעפלעקטיווע ערשיינונגען, וועלכע זיינען צוגעשריבען צו פימאָסים, איז א לאנגער און שליסט אין זיך איין די מעהרסטע פונקציאנעלע און נערוועזע קראנקהייטען פון דער קינדהייט. עס איז פאראן געגוג בעווייזע, דאס פימאָסים קען זיין די אורזאכע, אבוואהל זעלטען, פון סט. וויטוס טאנץ, עפּילעפּסיע, קאנוואולסיע, היסטעריע, פאלשען פאראליז, ספאזמען פון די מוס־קולען, בלינדקייט, דיארעהא און פיעלע אנדערע נערוועזע קראנק־הייטען. (פראָפ. האלט׳ם ״דיזיס אוו אינפענטס ענד טשילדרען״, זייטע 36).

און צום סוף אויף דיזעלבע זייט פון דעמזעלבען בוך זאגט פראָפ. האלט, דאס פימאָסים איז אויך אָפט די אורזאכע פון פער־שיעדענע הערניאס (ברוך), דאס ארויסקריכען פונ׳ם אונטער־לייב, וואסער־ און עהע־זאק, ענטצינדונג פון אורין־קאנאל, און זאגאר די פארמירונג פון סיסטס.

וואס גיט פראָפ. האלט פאר א מיטעל פאר די אויבענאויסגע־רעכענטע קראנקהייטען? קיין אנדער זאך, ווי בעשניידונג—אלס ראדיקאלעס מיטעל.

אום אויסצורעכענען אַלע נעמען פון די פערשיעדענע קראַנק־הייטען, וועלכע קענען זיך נעהמען פון אַ לאַנגער פאַרהויט, און די נעמען פון מעדיצינישע און כירורגישע אויטאָריטעטען, וועלכע גיבען אַן פימאָסים, אַלס אורזאַכע און "מל זיין" אַלס הייל־מיטעל, וואָלט פערנומען פיעל מעהר פּלאַץ, ווי מען קען זיך ערלויבען אין אַ וואָכען־בלאַט. אַבער דאָך קען איך זיך ניט צוריקהאַלטען פון צו דערמאָנען אייניגע פון די מעהר בעוואוסטע אויטאָריטעטען:

ניקאָלאַס סען, פּערפאָסער פון "פּרינציפּען פון כירורגיע", "פּראַקטישע כירורגיע" און אַנדערע מעדיצינישע ביכער, איז אַ פערטהיידיגער פון "מל זיין", ניט נור, אַלס הייל־מיטעל, נור אויך אַלס פערמיידונג פון די פערשיעדענע קראַנקהייטען.

דאַ־קאָסטאַ, ראַזען, קאַרלעס און אַנדערע בעריהמטע פּערפאָ־סער איבער כירורגיע, גיבען אַן פימאָסים אַלס אורזאַכע פון הערניאַס.

פּראָפ. ב. פּ. קורטיס, אין "דהי אמעריקאַן טעקסט בוק און דזשעניטאָ־אורינערי דיזיסעס", בעהויפּטעט, דאָס פימאָסיס פער־אורזאַכט געשלעכטליכע אויפרעגונג און שעדליכע פּראַקטיס פון אָנאַניזם ביי קינדער. און אַלס הילפס־מיטעל דערצו גיט ער "די פּארצייטיגע בעשניידונג".

בעקענט מען זיך נעהנטער מיט דער מאָדערנער מעדיציני־שער וויסענשאַפט, און איבערהויפּט מיט דער מאָדערנער טהעראַ־פּאַטיקס, דאָס הייסט, די היילונגס־לעהרע, בעמערקט מען, דאָס די לעצטע צייט האַלט זי מעהר פון "פּראָפילאַקסיס", פערמיידונג, ווי היילונג. און די מעהרסטע עהרענהאַפטע און געוויסענהאַפטע דאָקטוירים האַלטען זיך אַן דער מאַטאָ: "אַ לויט פערמיידונג איז ווערטה אַ פונט היילונג". און אַזוי זעהען מיר, ווי מען שטעלט קינדער פּאָקען, מען מאַכט איינשפּריצונגען פון פלעקסנערס סערום געגען געהירען־ענטצינדונג, און איך זעה ניט, וואַרום די קליינע אָפּעראַציאָן פון בעשניידונג צו פערהיטען פימאָסים מיט איהרע פאָלגען, איז מעהר באַרבאַריש, ווי די אויבען־דערמאַנטע איינ־שפּריצונגען.

אַט, למשל, בעהויפּטעט אַנאַנדער אויטאָריטעט, רעמאַנדינאַ, וואָס האַט געמאַכט אַ גרינדליכען שטודיום פון דער בעשניידונגס־

פראגע, אין זיין בוך: "די געשיכטע פון בעשניידונג", זייטע 200, פאלגענדעס: "די כירורגישע און מעדיצינישע געשיכטע פון בעשניידונג איז אינטים פעראייניגט מיט די טיעפסטע צייטען, און דאס איז אין דער ווירקליכקייט די פריהסטע כירורגישע אפעראציע, פון וועלכער מיר האבען א רעקארד. פון דיזעלבע רעקארדס קריגען מיר צוויי אנצוהערעניסען איבער די צוויי אבזיכטען פון בעשניידונג, אלספערמיידונג אדער היילונג פון געוויסע קראנקהייטען".

אז איינער האט מורא פאר שדים, וועט ער זיי אימער זעהען, און פר. ראזענצווייג זאגט זיך ווייטער: "און א ציוויליזירטעס פאלק, אונטער דער זון פון אייראפעאישער ציוויליזאציאן פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט, האלט זיך מיט איהם, צום שפאט פון דער גאנצער וועלט. ווען די רעליגיאן זאל ביי אידען ניט אוועקרויבען דעם חוש פון בושה, וואלט ער מיט דיזען בלוטיגסטען פון אלע רעליגיעזע שאנדטהאטען שוין לאנג פערטיג געווארען".

ווארום עפעס גראד ביי אידען האט די רעליגיאן אוועקגערויבט דעם חוש פון בושה? איז די מאיאריטעט ניט־אידען שוין גענצליך פריי פון רעליגיאן? און איהר וועט דאך ניט בעהויפטען, אז די גרעסטע טהייל פון דער מענשהייט בעזיצט ניט דעם חוש פון בושה!

און דאס, וואס די אידען האלטען זיך מיט דעם "שמוציגען מנהג", הייסט עס, צום שפאט פון דער גאנצער וועלט, איז אויך ניט אזוי געפעהרליך, וויל, נאך אלעמען, איז די גאנצע געשיכטע אביסעל איבערטריבען (זאל מיר פר. ראזענצווייג ענטשולדיגען!) די גאנצע ציוויליזירטע וועלט שפאט גארניט, ווי פר. ראזענצווייג דענקט. נעהמט טאקי נאך אמאל דאס בוך "די געשיכטע פון בעשניידונג" פון רעמאנדינא, וואו ער צייגט, דאס, א דאנק דעם "שמוציגען מנהג" פון בעשניידונג, זיינען אידען מאראליש פיעל העכער פון אנדערע פעלקער; דאס, א דאנק די בעשניידונג, זיינען אידען מעהר דויערהאפט און קענען געבען מעהר ווידערשטאנד פערשיעדענע ווענערישע, ארגאנישע און אין אלגעמיין אנשטעקענדע קראנקהייטען. דאס גאנצע בוך איז א לויב־געזאנג דעם אידישען פאלק פאר דעם בעשניידונגס־מנהג. און ניט נור רעמאנדינא, נאר הונדערטער בעריהמטע מעדיקער און כירורגען אין אלע צייטען, וועלכע בעלאנגען, אדער האבען בעלאנגט אין זייער צייט צו די

ציוויליזירטעסטע מענשען, רעקאמענדירען בעשניידונג, אלס היי־לונג און פערמיידונג צו פערשיעדענע קראנקהייטען.

אין די געשיכטע פון בעשניידונג געפינט מען צווישען די פער־טהיידיגער דערפון ניט קיין קלענערע פערזענליכקייטען, ווי פילא, מאימאנידעס, דר. ראזענצווייג, וועלכער האט עס רעקאמענדירט צו דער פרייסישער ארמעע אלס פערהיטונגס־מיטעל געגען ווענע־רישע קראנקהייטען. אין די לעצטע העלפט פון נייצעהנטען יאהר־הונדערט צייגט דר. בערענמיים פון פאריז מיט סטאטיסטיק, אין זיין בראשורע איבער בעשניידונג, דאס סיפילים און שווינדזוכט געפינט זיך ווענינער צווישען גע'מל'טע, ווי צווישען ניט־גע'מל'טע. דאס־זעלבע האט אויך בעהויפטעט דר. האטשינסאן, אין 1854, דאס צווישען די קלינישע פרייע פאציענטען פון דעם מעטראפא־ליטאן האספיטאל אין לאנדאן, איז די פראפארציע פון אידישע און קריסטליכע פאציענטען, וועלכע זיינען אנגעשטעקט מיט סי־פילים—איין איד צו דריי קריסטען, און אין זיין בוך "פרעווענטיווי מעדיסין", בעהויפטעט דר. האטשינסאן, דאס סיפילים געפינט זיך אין אלגעמיין ווענינער צווישען די גע'מל'טע ראסען, ווי צווישען די ניט־גע'מל'טע. ווער עס האט מעהר אדער ווענינער געלעזען די געשיכטע פון די אנשטעקענדע קראנקהייטען און הויפטזעכליך סיפילים, ווייס, אז די זאגענאנטע ווילדע שבטים, וואס האלטען פון "מל זיין", האבען גאר ווענינ געוואוסט דערפון, איידער זיי זיינען געקומען אין בעריהרונג מיט די זאגענאנטע ציוויליזירטע ניט־גע'מל'טע ראסען.

ווער עס לעזט מעדיצינישע זשורנאלען רעגעלמעסיג, ווייס, ווי אפט און ווי ערנסט די פראגע פון בעשניידונג ווערט בעהאנ־דעלט פון א פראפעסיאנעלען שטאנדפונקט, און וועט זיין ווייט פון דער מיינונג, אז דאס זיינען ארטיקלען פון שפאט. אויב שפאט, טו ווארום זאל אזוי פיעל געשריבען ווערען וועגען דעם אין וויסענשאפטליכע זשורנאלען, און אויך רעקאמענדירט ווערען פון מענשען, וואס שטעהען אן דער שפיצע אין דער מעדיצינישער וויסענשאפט ?

די געשיכטע מיט'ן קראקויער מוהל איז א גאנץ אינטערע־סאנטע, אבער צו דערזעלבער צייט ניט מעהר, ווי אן אינצידענט,

וואס טרעפט זאגאר מי די מאדערנסטע דאקטוירים. און איז אין אלגעמיין נים קיין ארגומענט געגען בעשניידונג, נור העכסטענס געגען מציצה. מען דארף אויך ניט פערגעסען, אז דער קראקויער מוהל האט וועניג וואס געוואוסט פון היגיענע און אנטיסעפסיס, ווייל די מאדערנע מוהלים וויסען שוין יא דערפון. און מציצה איז א זאך, וואס ווערט מיט יעדען טאג אלץ וועניגער פראקטיצירט.

וואס אנבעלאנגט די צוויי שבטים, וואס האבען אויפגעגעבען די פראקטיצירונג פון בעשניידונג, אוים שאנדע פאר זייערע מעהר־ציוויליזירטע מיט־מענשען, מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין בעריהרונג, רעדט וועניג וואס געגען דעם מנהג פון "מל זיין". עס איז אויך א בעוואוסטער פאקט, דאס פיעלע קריסטליכע מי־סיאנערען, וועלכע זיינען געקומען אין בעריהרונג מיט "ווילדע" שבטים, וואס האלטען פון "מל זיין", האבען מיט דער צייט אנ־גענומען דעם "שמוציגען מנהג" פון די ווילדע, און דאס האט זיי גארניט געשאדט צו פערבלייבען גוטע קריסטען ביז היינטיגען טאג.

די געשיכטע דערצעהלט אונז אויך, ווי פיעלע קריסטען, קעני־גע און פאפסטען, זיינען געראטהען געווארען פון זייערע הויף־דאקטוירים זיך צו בעשניידען. פיעלע האבען עס טאקי געטהאן אויך, נור אנדערע האבען זיך צוריקגעהאלטען דערפון בלויז צו־ליעב דעם, מען זאל אויף זיי ניט זאגען, אז זיי האבען אנגענומען די אידישע רעליגיאן. לואי דער זעכצעהנטער האט זאגאר דורכ־געפיהרט אויף זיך זעלבסט די אפעראציאן פון בעשניידונג, לויט דעם ראטה פון זיין הויף־דאקטאר, אום ער זאל האבען די מעגליכ־קייט צו האבען קינדער מיט מאריא אנטאנעטא. עס איז אויך פערבונדען אן אינטערעסאנטער עפיזאד מיט דיזער געשיכטע, אבער דא איז ניט דער פלאץ עס צו דערצעהלען.

וואס איז דער זין פון "פריעה"? פרעגט פריינד ראזענצווייג, און ער זאגט ווייטער, אז אויב עס איז דא וועלכער ניט איז זין אין פריעה, איז עס בלויז מיט דעם איינציגען אבזיכט צו פערשאפען וואס מעהר שמערצען דעם קליינעם אונשולדיגען נפש. אי, פאר־וואס? ווייל די אידישע רעליגיאן איז פיעל גרויזאמער און באר־בארישער פון מאחמאדאנישער, די לעצטע האלט ניט פון פריעה,

די אידישע יאָ, אָבער פאַר יעדען וואָס וויל האָבען אַ מעהר ראַ־ציאָנאַליסטישע ערקלערונג, איז דער זין פון פריעה לייכט ערקלער־באַר. די מאַכמעדאַנער בעשניידען בלויז דעם פאַרהויט, און פון אַ כירורגישען שטאַנדפּונקט איז עס ווייט פון זיין צופרידענשטעלענד, ווייל דער אַבזיכט איז אַבצודעקען די גלענדס, וואָס גיבען פון זיך ארויס סמעגמאַ. און אויב די דינע הייטעל וועט ניט פאַרנאַנדער־געטהיילט, בלייבט נאָך אַלץ דער גלענד פערדעקט, און די סמעגמאַ האָט ניט קיין פרייען אַרויסגאַנג. דאָס האָבען אידען איינגעזעהן און האָבען טאַקי אנגענומען דעם מנהג פון פריעה, אָבער פאַר קיין פאַל ניט דערפאַר, ווייל "פאַר די באַשי־בוזוקעס איז דיזער מנהג געווען צו־גרויזאַם, פאַר די "רחמנים בני רחמנים" ניט. איז עס דאָך אַ פאַקט, אַז די מאָדערנע כירורגען מאַכען דורך דיזעלבע טעכניק, וועלכע די אידישע מוהלים געהען דורך, מיט דעם איינציגען אונ־טערשיעד, דאָס אנשטאַט, וואָס דער מוהל געהט עס דורך מיט דעם שפּיץ פון נאָגעל, וועלכען ער האַלט ספּעציעל פאַר דעם, מאַכט עס דער כירורג מיט אַ שער. איך וועל איינשטימען, אַז מיט אַ שער אונטער אַנטיסעפּטישע בעדינגונגען איז פיעל זיכערער געגען אַנ־שטעקונג. מען דאַרף אָבער אויך ניט פערגעסען, אַז די הייגטיגע כירורגישע מעטהאָדען האָבען זיך ענטוויקעלט שטופּענווייז, און עס איז צו האָפען, דאָס די טעכניק פון פריעה וועט מיט דער צייט רעפאַרמירט ווערען אַזוי גוט ווי מציצה, און ביידע וועלען אין דער נאָהענטער צוקונפט זיין אַ זאַך פון דער פערגאַנגענהייט.

.25

אַן ענטפער אויף דער פערטיידיגונג.

גערענק אַז בייטען דיין מיינונג, און פאָלגען דעם וואָס פאַריכט דיין טעות, שטימט פונקט אַזוי איבער־איין מיט פרייהייט ווי זיך האַל־טען מיט'ן טעות.

מארק אורעל.

דיזער ענטפער איז ערשינען אין דער "פרייע ארבייטער שטימע", דעם 21טען אויגוסט 1915.

דאָקטאָר בען־עמרם, וועלענדיג בעווייזען, אַז מל זיין איז געזונד, ברענגט ציטאטען פון אויטאָריטעטען פון מעדיצין—עפּעס וואָס איז אונז אַבסאָלוט פרעמד, און קענען עס ניט בעשטרייטען.

מוזען מיר נעהמען דעם דאָקטאָר'ס וואָרט. אבער מיט אונ־זער בעסטען ווילען קענען מיר דאָס ניט טהאָן. און אַט פאַרוואָס:

צווישען אנדערעס זאָגט דער דאָקטאָר פאָלגענדעס: "דאָס־זעלבע האָט אויך בעהויפּטעט דר. האָטשינסאָן אין 1854, דאָס צווישען די קלינישע פּרייע פּאַציענטען פון דעם מעטראָפּאָליטאַן האָספּיטאַל אין לאָנדאָן איז די פּראָפּאָרציע פון אידישע און קריסטליכע פּאַציענטען, וועלכע זיינען אַנגעשטעקט מיט סיפילים —איין איד צו דריי קריסטען".

דאָס איז ניט ריכטיג.

אַט ווי די בעהויפּטונג פון דר. האָטשינסאָן לויטעט אין אמת'ען.

"אין מעטראָפּאָליטאַן פרייעם האָספּיטאַל אין לאָנדאָן, וואָס געפינט זיך אין אַ אידישער געגענד, איז אין יאָהר 1854 געוועזען די פּראָפּאָרציאָן פון דרויסענדיגע פּאַציענטען פון אידען צו קריסטען: כמעט 1 צו 3 (דאָס הייסט, דריי מאָל אַזוי פיעל קריסטליכע קראַנקע, ווי אידען) דאָך די פּראָפּאָרציע פון סיפיליטישע קראַנקע איז געוועזען ווי דער שייכות פון 1 צו 15.

דערפון איז צו זעהען, אַז דאָקטאָר בן־עמרם מאַכט אויף די אידען אַ בלבול, די פּראָפּאָרציע פון סיפיליטיש־קראַנקע אידען איז פיעל קלענער, ווי ער גיט עס אָן.

דאָס ווייזט, אַז דער דאָקטאָר גלויבט ניט אין פּינקטליכקייט.

נור אזוי ווי דער דר. איבערטרייבט ניט, נור, פערקעהרט, ער אונטערשעצט נאָך, וועלען מיר אָננעהמען אלע זיינע ציטאַטען פאר ריכטיג.

און מיר טהוען דאָס, ווייל אונז לוינט זיך. אונז לוינט זיך צו געהן נאָך ווייטער, און זאָגען, אז אויף יעדען איד, וואָס ליידט פון אַן אַנשטעקענדער קראַנקהייט, זיינען דאָ פופציג קריסטען.

איז יעצט די פראַגע, צי אפילו דיזע זעהר איבערטריבענע ציפער צייגט, אז דאָס מל זיין האָט עפּעס צו טהאָן דערמיט?

מיר וועלען עס פּרובירען בעווייזען.

מיר נעהמען אָן אַלס זיכער, אז וועהרענד פופציג ניט־גע׳מל־טע ווערען סיפיליטיש קראַנק, ווערט קראַנק בלויז איין גע׳מל׳טער, דאָס הייסט, פופציג קריסטען אויף איין איד.

יעצט איז די פראַגע: פאַרוואָס איז דיזער איינער גע׳מל־טער קראַנק געוואָרען?

אויב בעשניידונג העלפט פערהיטען פון געשלעכטליכער קראַנקהייט, פאַרוואָס האָט עס פערהיט 49 און איינעם ניט?

אויב מל זיין בעשיצט, פאַרוואָס האָט עס דעם איינעם אויך ניט בעשיצט?

דערצו איז פאַראַן איין ענטפער, נעמליך, אז מל זיין אליין איז ניט גענוג צו בעשיצען איינעם פון וועגערישע קראַנקהייטען.

ווייל, ווען יא, פאַרוואָס זאָל עפּעס די נאַטור מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען איין גע׳מל׳טען און אַ צווייטען?

אלזאָ, מל זיין אליין איז ניט גענוג. עס מוז זיין נאָך עפּעס אַ פאַקטאָר, וואָס מישט זיך אריין, אַ פאַקטאָר, וועלכער איז אַנ־וועזענד ביי די 49 גע׳מל׳טע, און איז ניט אַנוועזענד ביי דעם איינעם.

לאָמיר דיזען פאַקטאָר אָנרופען ״פאַקטאָר ״עקס״.

מיר וועלען איהם פּרובירען געפינען.

לאָמיר צוערשט אויסגעפינען, צי צווישען די ניט־גע׳מל׳טע איז אויך פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי אַז איינער זאָל קראַנק ווערען און אַ צווייטער ניט, און טאַקי אונטער דיזעלבע אומשטענדען. און אויב דאָס איז דער פאַל איז דאָ אויך פאַראַן דער מיסטעריעזער פאַקטאָר ״עקס״.

און אויב דער פאקטאר "עקס" איז פאראן ביי דיזע, מוז שוין ניט זיין שווער איהם צו געפינען.

אלזא, איז צווישען ניט גע'מל'טע אויך פאראן עפעס א פאקטאר, וואס מאכט, אז א קראנקהייט זאל ווירקען אויף איינעם מעהר, ווי אויף א צווייטען.

זאל דער לעזער זיך ניט שרעקען. דערצו איז נויטיג אביסעל סטאטיסטיק.

אט וואס די סטאטיסטיק צייגט:

פון הונדערט אידען האבען זיעבצעהן געהאט סיפילים אין דעמזעלבען האספיטאל, פון וועלכער דר. בן־עמרם רעדט. און פון יעדע הונדערט ניט־אידען—צוויי און זעכציג, וואס דאס מיינט כמעט פיער ניט־אידען אויף איין איד. יעצט פאסט אויף, גערול־דיגער לעזער. אין דעמזעלביגען האספיטאל, אין דעמזעלביגען יאהר זיינען פון הונדערט ס י פ י ל י ט י ש ע פ ר ו י ע ן גע־ווען צוואנציג אידישע און צוויי און זעכציג ניט־אידישע. און דאס מיינט, אז די פראפארציע פון קראנקע אידישע פרויען איז אזוי קליין, ווי די פראפארציע פון קראנקע אידישע מענער.

מילא, אז די פראפארציע פון סיפיליטישע מענער איז קליין, ווייסען מיר: עס איז דערפאר, ווייל די מענער זיינען גע'מל'ט; אבער די פרויען? זיי זיינען דאך ניט גע'מל'ט? צייגט דאס ניט אויף עפעס א פאקטאר א חוץ דעם מל זיין?

און איז דאס אקארסט ניט דער געהיימניספולער "עקס"?

אט וואס די סטאטיסטיק פון ניו יארק צייגט:

פון יעדע הונדערט טויזענד איירישע זיינען אין יאהר 1890 געשטארבען צוויי הונדערט צוויי און זיעבציג פון יורין־קראנק־הייטען: איטאליענער פון דערזעלביגער קראנקהייט, אין דער־זעלבער צייט, אויפ'ן זעלבען ארט, בלויז דריי און זיעבציג פון יעדע הונדערט טויזענד.

זיינען די איטאליענער גע'מל'ט?

די איירישע אויך ניט!

אלזא, וועלכער פאקטאר שפיעלט דא די ראליע?

מענשען פון איין שטאם, עמיגרירט פון איין וועלט־טייל, פון איין גלויבען, פון איין ראסע,ביידע שווער־ארבייטענדע, און

דאָך איז די שטערבליכקייט פּראָפּאָרציאָנעל ביי איין פאָלק אַזוי גרויס אין פערגלייך מיט'ן צווייטען!

וועלכער איז דאָ דער פאַקטאָר "עקס"?

פערשטעהט דער לעזער, אַז דאָ מוז זיין אַ פאַקטאָר, וועלכער ווירקט אַזוי שעדליך אויף די איירישע, און ניט אויף די איטאַליענער?

דער איירישער טרינקט. דער איטאַליענער ניט.

איז דאָס דער מיסטעריעזער "עקס"?

די סטאַטיסטיק זאָגט: "יאָ".

אונטער דיזעלבע אומשטענדען זיינען געשטאָרבען פון יעדע הונדערט טויזענד איין און דרייסיג איירישע פון אַלקאָהאָליזם, און בלויז איין אַמעריקאַנער.

און אַז אידען שטאַרבען ווייניגער, איז עס, ווייל זיי זיינען גע'מל'ט!

גאָט הייסט אַ אידען פאַסטען אויסדריקליך כדי ער זאָל פּייניגען זיין נפש. און פרעגט איהר אַ האַלב־געבילדעטען הי־פּאָקריט, פאַרוואָס ער פאַסט יום כפור, זאָגט ער, ווייל עס איז געזונד.

וואָס פאַר אַ שרעק מוז בעפאַלען דעם לעזער פון דר בן־עמרם'ס ענטפער, ווען ער לעזט דורך דאָס צעטעל פון קראַנק־הייטען וועלכע דער ניט־גע'מל'טער איז אונטערוואָרפען!

און עס ווערט נאָך שרעקליכער, ווען מען האָט אין זינען, אַז איין העלפט פון דער אידישער נאַציאָן איז ניט גע'מל'ט, אַז ווע־ניגסטענס אַ גאַנצע טויזענד מיליאָן ציוויליזירטע מענשען זיינען ניט גע'מל'ט. איהר פערשטעהט, וואָס דאָס מיינט? טויזענד מיליאָן הויך־ציוויליזירטע מענשען מוזען ווערען קאַליקעס, ווייל זיי פערשטעהען נאָך ניט דאָס, וואָס דער האַלב־מאַלפּע־און־האַלב־מענש פון די אַפריקאַנער וועלדער פערשטעהט, נעמליך, אַז מל זיין איז אַ רפואה צו די אַלע שרעקליכע קראַנקהייטען.

דער שרעק פערוואַנדעלט זיך אָבער אין אַ שמייכעל, ווען אין דעם צעטעל פון קראַנקהייטען געפינט זיך אויך דער "ברוך".

גאָט פון אַלע וועלטען! דער ברוך איז אַ רעזולטאַט פון ניט־גע'מל'ט זיין!

און מל זיין איז א ״ראדיקאלער מיטעל״ דערצו!

קומט, הייסט עס, אויס, אז די מייסטע פרומע אידען זיינען ניט־גע׳מל׳ט.

ווער האט עס געזעהען אז אמת־פרומען אידען אהן א ברוך?

וואס רעדט איהר, דאקטאר? דער ברוך איז דאך א חלק פון אידישקייט!

זאגט דעם אמת, הערר דאקטאר, מיינט טאקי פראפ. האלט צו זאגען, אז בלינדקייט און ברוך קענען געהיילט ווערען דורך מל זיין, ווי איהר ווילט, אז דער לעזער זאל עס פערשטעהן?

וואס דען מיינט איהר, ווען איהר רופט אויס אין טריאומף: ״וואס גיט פראפ. האלט פאר א מיטעל פאר די אויבען־אויסגערע־בענטע קראנקהייטען? קיין אנדער זאך, ווי בעשניידונג — אלס ראדיקאלעס מיטעל״.

וואס וועט דר. בן־עמרם זאגען וועגען די צעהנדליגע קראנק־הייטען, וואס זיינען ספעציעל אידישע? זיינען זיי אויך דער רעזולטאט פון מל זיין?

פונקט אזוי פיעל אדער אזוי ווענינ, ווי דאס מל זיין האט צו טהאן מיט די ספעציעל אידישע קראנקהייטען, אזוי ווענינ האט עס צו טהאן מיט דעם פערהיטען אדער היילען די קראנקהייטען, וועלכע איהר רעכענט אויס.

אמת, אידען האבען א קלענערען פראצענט סיפיליטיש־קראנ־קע און אנדערע געשלעכטס־קראנקהייטען, אבער דאס איז ניט, ווייל מיר זיינען גע׳מל׳ט.

אמת, דאס גע׳מל׳ט זיין איז א פאקטאר פון פערהיטען גע־וויסע קראנקהייטען, עס איז אבער ניט דער איינציגער, ניט דער גרעסטער און ניט אבסאלוט נויטווענדיג.

פיעלע פאקטארען צוזאמען ווירקען, כדי צו בעשיצען דעם אידען מעהר ווי דעם ניט־בעשניטענעם פון געוויסע קראנקהייטען. און טאקי דיזעלבע פאקטארען, אדער מאנכע פון זיי, העלפען דעם אידען בעקומען אנדערע קראנקהייטען, וועלכע דער ניט־גע׳מל׳טער האט ווענינער, ווייל אין זיין ארט לעבען פעהלען דיזע פאקטא־רען. מיר וועלען נעהמען בלויז צוויי ביישפיעלע:

שכרות איז איין גרויסער פאקטאר.

די בעהאנדלונג וואס דער איד האט געקראגען פון זיינע קריסטליכע שכנים דורך די פערגאנגענע יאהר־הונדערטע, האט ביי איהם צוגענומען דעם אפעטיט צום טרינקען.

ווער עס ארבייט ניט שווער, דער פיהלט ניט קיין פערלאנג נאך אלקאהאל. און אפילו שווער ארבייטען האבען די ליעבליכע קריסטליכע שכנים פון מיטעלאלטער דעם אידען ניט געלאזט.

און דער איד טרינקט ניט, און דאס שיצט איהם פון געוויסע קראנקהייטען, פון וועלכע אייגער, וואס טרינקט יא, איז ווענינער בעשיצט. דער איד ארבייט ווענינ אויף דער פרייער לופט. די מייסטע פון זיי זיינען "זיצענדיגע" ארבייטער, דערפאר איז "מערידען" א אידישע קראנקהייט. זי קומט פון צופיעל זיצען.

אזוי קען מען אנפיהרען א לאנגען צעטעל. נור צו וואס? דעם בלינדען פאנאטיקער וועט עס דאך ניט נוצען. דאס געהעטא־לעבען האט דעם אידען געצוואונגען צו לעבען מאראליש ריין און צו זיין צוגעבונדען צו זיין פאמיליע מיט הימלישער צערטליכקייט, און ער איז עס נאך ביז היינט. דאס איז א גרויסער פאקטאר איז בעשיצען דעם אידען פון געוויסע קראנקהייטען. דער איד וואוינט מייסטענס אין גרויסע שטעדט און איז דערפאר אונטערוואורפען צו געוויסע קראנקהייטען, צו וועלכע דער קריסט, וועלכער איז מייסטענס א דאפס־מענש, איז ניט אונטערוואורפען א. ז. וו.

אבער אפילו צוגעבען, אז מל זיין איז צוליעב סאניטארע צוועקען—טהוט עס דער איד צוליעב דיזען צוועק?

ווען דער איד לאזט מל זיין זיין קינד, טהוט ער עס ווייל ער וויל זיין קינד בעשיצען פון וועגערישע קראנקהייטען? אויב יא, איז דער א פערברעכער, וועלכער זאגט דעם אידען, אז מל זיין איז שמוציג און בארבאריש, אפילו, ווען ער ווייס, אז דער איד האט א טעות. אויב דער איד טהוט עס צוליעב געזונדהייט, זאל ער עס טהאן געזונדערהייד. אבער טהוט ער עס אויס סאניטארע גרינדע? צו דער אייביגער עהרע פון רעליגיעזען אידען, מוזען מיר זאגען, אז ניין.

צו גלויבען, אז דער איד איז מל זיין קינד כדי איהם צו בע־שיצען פון קראנקהייטען, הייסט דעם אידען בעליידיגען. עס הייסט אז דער איד געהט פארבערייטען זיין קינד פאר אן אויסגעלאסענעם

לעבען, און ער, דער טאטע, בעשיצט איהם געגען די פאלגען פון אזא לעבען.

געוויס העלפט עס, נאריש איז בלויז דאס איבערטרייבען.

דעם בעסטען ענטפער דערצו וועט דער לעזער געפינען אין א פראכטפאלען ווערק ״אפענע פאלקס־שפראך״, אויף זייטע 487, געשריבען פון דר. פוט, א דאקטאר, וועלכער איז גוט בעקאנט אין די צירקלען פון דייטשע פריידענקער. דאס איז א ווערק, פאר וועלכען דער דאקטאר האט פיעל געאפפערט און פון וועלכען אידישע און קריסטליכע ״קוואק־דאקטארען״ האלטען אין איין גנב׳ענען, שרייבענדיג גאנצע ביכער איבער ״געשלעכטליכע פראגען״ און קענען איהם גארניט בע׳גנב׳ענען.

דאס ווערק איז אויך בעקאנט אונטער׳ן טיטעל ״געזונדער מענשען־פערשטאנד״. און, אויב מיר האבען קיין טעות ניט, איז דר. פוט געזעסען אין תפיסה, ווייל אין זיין בוך געפינט זיך אן אנצוהערעניס, ווי אזוי צו האבען קליינע פאמיליעס.

מיר וועלען אויסדרוקען קורץ, וואס דר. פוט זאגט וועגען מל זיין.

יעדער ווייס, אז דער, וועלכער טראגט ווינטער א פעלץ, וועט זיך לייכטער פערקיהלען, ווי איינער, וואס טראגט דינע קליידער אפילו ווינטער, אוים דעם איינפאכען גרונד, ווייל די הויט פון זיין קערפער ווערט ״איינגעהארטעוועט״.

יעדער ווייס, אז ווען איינער, וואס טראגט שטענדיג האנד־שוה, ווען ער ניט זיך אפילו א לייכטען קלאפ אין האנד, מאכט זיך א וואונד. איינער, וואס ארבייט שווער, האט ניט מורא פאר א קלאפ אין זיין האנד, אפילו פון א שטארקען קלאפ וועט ער קיין וואונד ניט קריגען.

די ערלה איז א ״האנדשוה״.

דער פלאץ, וועלכער איז בעדעקט מיט איהר, איז צארט. דורכ׳ן בעשניידען פאלט די צארטקייט אוועק.

עס איז דעם שרייבער׳ס אונבעדייטענדע מיינונג, אז די ער־קלערונג וואס דר. פרידענוואלד גיט אין דער דזש. ענצ. איז אי עהרליך, אי ריכטיג.

דר. בן־עמרם רעדט אויך פון פריעה.

דעריבער וועט דער לעזער געפינען אז ענטפער, ווען מיר וועלען אין אונזער "הימעל און ערד" רעדען איבער די גזרות פון רוימישען אימפעראטאר האדריאן. די ערקלערונג, אבער, וואס דר. בען־עמרם גיט, צייגט, אז די געשיכטע פון זיין פאלק איז איהם פרעמד.

.26

דער רמב"ם וועגען ברית מילה.

הונדערטע מענשען קענען ריידען
פאר איינעם ווער דענקט.
טויזענד אבער קענען דענקען פאר
איינעם וואס זעהט.
צו זעהען קלאר איז פאעזיע,
נביאות און רעליגיאן, אלעס
אין איינעם.
ר א ס ק י ן.

אז דר. בן־עמרם איז ניט ערענסט אין זיין קריטיק איז צו זעהען פון דעם פאקט, אז ער איז ברוגז אויף דעם שרייבער פאר־וואס ער "שעפט זיינע ידיעות" וועגען דיזען ענין פון דער אי־דישער עקציקלאפעדיע. און ער אליין האט כמעט קיין אנדערע! בוך ניט געברויכט צו בעגרינדען זיין ענטפער.

אויב דר. בן־עמרם ווייסט עס ניט, ווילען מיר אז דער לעזער זאל עס וויסען, אז די דזשואיש ענציקלאפעדיע איז דאס גרעסטע אידישע ווערק נאכ'ן תלמוד, כאטש אין א פרעמדער שפראך (איז דאך דער תלמוד אויך אין א פרעמדער, טוידטער שפראך). ס'איז אן אוצר פון וויסען. און אפילו די ענציקלאפעדיע בריטאניקא, לעצטע אויסגאבע, בעדיענט זיך מיט דיזען אוצר אלס אויטהארי־טעט. און די לעצטע אויסגאבען פון 1911 פון דער בריטישער ענציקלאפעדיע איז דער סך־הכל פון מענשליכען וויסען פון אלע פערגאנגענע יאהרהונדערטע.

אט וואס די דזשאיש ענציקלאפעדיע זאגט מיט בעצוג צו די נעמען וועלכע דר. בן־עמרם ציטירט פון דארט:

״ערקלערונגען וועלכע גיבען אן דעם גרונד פון מל זיין אלס היגיעניש, ארויסגעזאגט צוערשט פון פילא, (ידידיה האלכסנדרוני) יאזעפוס (יוסיפון) סאאדיא (סעדיה גאון) און פון רמב״ם און אפט ווידערהאלט אין דער מאדערנער צייט פון מיקאעלים ביז ראזענצווייג, וועלכער האט רעקאמענדירט די בעשניידונג פאר דער פרייסישער ארמעע, האבען בלויז א היסטארישען ווערטה״.

אלזא, די פערטיידיגונג פון מל זיין אויף וועלכער דר. בן־עמרם שטיצט זיך, האט בלויז א היסטארישען ווערטה.

וואס אבער אנבעטרעפט דעם רמב״ם, פערטיידיגט ער גאר־ניט, נור ער ערקלערט און ניט מעהר.

אט וואס דער רמב״ם זאגט אין דריטען טהייל, נײן און פיער־ציגסטען קאפיטעל, פון זיין ״מורה נבוכים״ איבער מל זיין: ״וואס אנבעטרעפט מל זיין, דענק איך אז איינע פון זיינע צוועקען איז צו בעגרענצען דעם געשלעכטיליכען אומגאנג, און אבצואשוואכען דעם ארגאן פון רעפראדוקציאן אזוי פיעל ווי מעגליך און צו מא־כען דעם מענשען זיין איינגעהאלטען.

״מאנכע גלויבען אז מל זיין האט צום צוועק, די בעזייטיגונג פון א פעהלער אין דער פארמירונג פון מענש. אבער יעדער קען לייכט ענטפערען ״ווי קען די ארבייט פון דער נאטור זיין פעה־לערהאפט אויף אזוי פיעל אז זיך צו נויטיגען אין די דרויסענדינע פערפאלקאמענונג? ספּעציעל אז דער נוצען פון דער ערלה פון דיזען ארגאן איז קלאר!״

דער געבאט איז ניט אנגעזאגט געווארען, אלס א פערפאל־קאמענונג צו א ניט־פאלקאמענער פיזישער בעשאפונג, נור אלס א מיטעל גוט צו מאכען א מענשליכען מאראלישען פעהלער.

״דער קערפערליכער שאדען צו דיזען ארגאן איז דאס וואס איז בעאבזיכטיגט. עס שטערט ניט קיין שום לעבענס־ארבייט און עס צושטערט ניט די קראפט פון פריה־ורביה.

״מל זיין העלפט בלויז געגען צו־פיעל תאוה. ווייל ס׳איז קיין צווייפעל ניט אז מל זיין שוואכט אב די געשלעכטליכע אויפרעגונג, און מאנכע מאל פערקלענערט עס דעם נאטירליכען פערגניגען.

דער ארגאן מוז נאטירליך ווערען שוואך דורך דעם פערלוסט פון בלוט, און פערלירט באלד זיין צודעק.

״אונזערע חכמים האבען געזאגט (דא ברענגט דער רמב״ם אן אויסצוג פון בראשית רבא, וועלכער איז א בעלײדיגונג פאר׳ן גאנצען פרויען־געשלעכט. מיר וועלען עס דערפאר אויסלאזען).

א צווייטע אורזאך גיט דער רמב״ם אן פאר מל זיין, וועלכע ער בעטראכט אלס וויכטיגער פון דער ערשטער, נעמליך: ״עס גיט יעדען מיטגליעדער פון זעלביגען גלויבען א געמיינזאמען קערפער־ליכען צייכען, אזוי אז ס׳איז ניט מעגליך פאר א פרעמדען צו זאגען אז ער געהערט אויך צו זיי״.

דער רמב״ם האט נאך פיעל צו זאגען וועגען מל זיין, נור קיין נייעס זאגט ער ניט.

אינטערעסאנט איז דער פאקט וואס דער רמב״ם איז געווען א פעהיגער ארצט מיט א גרויסע פראקטיק, פיליכט דער אנגע־זעהענסטער ארצט פון זיין צייט און א דאקטאר פאר אלע קלאסען. און צווישען אלע אורזאכען פון מל זיין גיט ער איינע ניט אן אז דאס זאל זיין פאר געזונדהייטס־צוועקען.

און אין זיין צייט איז א פערהיטונגס־מיטעל געווען פיעל טייערער איידער א היילונגס־מיטעל.

אינטערעסאנט איז אויך וואס פראפעסאר סעהז האט דאריבער צו זאגען.

אין זיין בוך איבער ״בבל און אשור״, קאפיטעל דריי, זייטע פיער און פופציג, זאגט ער: ״די שול האט אין שפעטערע צייטען זיך ענטוויקעלט אין א אוניווערזיטעט — — — — פון א ברוכ־טייל פון א בבל׳שען מעדיצינישען ווערק, וועלכעס געפינט זיך יעצט אין בריטישען מוזעאום, מעגען מיר אפשר שליסען אז די אוניווערזיטעט איז געווען בעריהמט הויפטזעכליך אלס א שול פון מעדיצין״.

און אויף זייטע זיעבען און פערציג זאגט ער: ״ס׳איז צוויי־פעלהאפט צי מל זיין איז פראקטיצירט געווארען אין בבל, אין די אויסגעגראבענע שריפטען ווערט עס ניט דערמאנט, אויך דער־מאנען עס ניט די קלאסישע שרייבער אלס א בבל׳שען מנהג, אזוי ווי די בבלים זיינען ניט איינע פון די נאציאנען פון מערב־אזיען, וועלכע, ווי ער זאגט, האבען געלערנט דיזען מנהג פון די מצרים. אברהם און זיין פאמיליע זיינען ניט בעשניטען געווארען ביז לאנג

נאך דעם וואס זיי האבען פערלאזען בבל און זיך בעזעצט אין כנען.

אפריקא און ניט אזיען, זעהט אוים איז געווען די היים פון דיזען מנהג״.

דיזע אלטע, ערפאהרענע נאציאן, וועמען מעדיצין איז ניט געווען פרעמד און וועלכע האט זיכער פערשטאנען דעם ווערטה פון א פערהיטונגס־מיטעל, אלזא, דיזע נאציאנען האט ניט פראק־טיצירט מל זיין.

דיזער פאקט דארף זיין גענוג צו ווארפען א חשד אויף דער בעהויפטונג אז מל זיין איז איינגעפיהרט געווארען פאר געזונד־הייטס־צוועקען.

פרעמדע מיינונגען איבער ברית מילה.

וואס דיין מיינונג איבער דיר
ווי דיין פריינדס איז ניכטיג
דיין שונא׳ס מיין, שיינט פאלש א פריהר
אם ענדע דאך איז ריכטיג.

ל. ר.

א חוץ דעם רמב״ם האבען פיעלע ערנסטע מענשען אויסגע־דריקט א מיינונג איבער דעם זאנדערבארען מנהג פון ברית מילה. זאנדערבאר, ווייל ער ווערט פראקטיצירט פון אידישען פאלק, א פאלק וועלכעס ווערט אפילו פון זיינע שונאים ניט געהאלטען פאר נאריש, כאטש טהאמאס באקעל רופט עס אן א קליין, דום פאלק.

מען קען אבער ניט זאגען אז אלע מיינונגען זיינען שמייכעלהאפט פאר׳ן אידען.

אונזער אייגענער ר. וואלדא עמערסאן איז אן אבהאנדלונג איבער פאעטען און פאעזיע, רעדט איבער סימבאלען און זייער ראלע אין מענשליכען לשון, רעליגיאן און אין לעבען אין אלגעמיין.

עמערסאן זעהט א סימבאל אין יעדען ווארט, א פאעזיע אין יעדען געדאנק און א פאעט אין יעדען מענש.

נאטירליך זעהט ער אויך פאעזיע אין יעדער רעליגיאן און א סימבאל אין יעדער רעליגיעזער צערעמאניע.

אויף איין פלאץ זאגט ער אויסדריקליך:

"די געשיכטע פון פריסטער־הערשאפטען שיינט צו צייגען דאס אלע רעליגיעזע טעותים זיינען בעשטאנען אין דעם וואס די סימבאלען זיינען געווען צו שטייף און פעסט".

אויף אן אנדער פלאץ זאגט ער:

"די רעליגיאנען פון דער וועלט זיינען די שארפע אויסשפראכע פון עטליכע מענשען מיט פארשטעלונגס־קראפט".

אויף אן אנדער ארט, ריידענדיג וואס די קראפט פון אמת'ער פאעזיע קען אויפטהאן, זאגט ער:

"דאס פרומקייט פון די אידישע נביאים רייניגט אב זייער גראבקייט".

"מל זיין, זאגט עמערסאן ווייטער, איז א ביישפיעל פון דעם כח פון פאעזיע צו דערהויבען דאס נידריגע און דאס מאוס'ע. קליינע און געמיינע זאכען דיענען אזוי גוט ווי גרויסע סימבאלען. וואס געמיינער דער טיף דורך וועלכען א געזעץ ווערט אויסגעדריקט, וואס מעהר אבשטויסענד, אלץ לענגער דויערט עס אין דעם זכרון פון מענשען".

הערראדאט זאגט, אז דער גרונד פון מל זיין איז ריינליכקייט. אט זיינען זיינע ווערטער: *)

"די מצרים זיינען מעהר רעליגיעז ווי אנדערע מענשען־ראסען, זיי טרינקען פון בראנזענע בעכער, וועלכע זיי רייניגען יעדען טאג. זיי טראגען ליינענע קליידער, וועלכע זיינען תמיד פריש געוואשען. זיי זיינען זיך מל פאר צוועקען פון ריינליכקייט, זיי בעטראכטען ריינקייט בעסער ווי שעהנקייט".

דער הייליגער פעטרוס, ריידענדיג פון ברית מילה, רופט ער עס אן א "יאך וואס ניט אונזערע עלטערן, ניט מיר, זיינען געווען אימשטאנדע צו טראגען".

ער קעמפפט געגען דעם אז דאס נור וואס אויפבליהענדע קריסטענטום זאל דיזען מנהג אננעהמען.

דער הייליגער פאול האט געזאגט: סיי בעשניטען, סיי אונבעשניטען איז גארניט. וויכטיג איז בלויז צו האלטען די מצוות פון גאט.

---

*) זעה אריגינעלע קוועלען, ערשטען באנד, זייטע 84.

דר. בארטאָן אין זיין בוך ''סעמיטישער אורשפּרונג'', גיט אַלס גרונד פאַר ברית מילה פאָלגענדעס:

''די אומשטענדען אונטער וועלכע דאָס מל זיין געהט צו אין אראַביען צייגט אַז דער מנהג שטאַמט פון אַ קרבן וועלכען מען האָט געבראַכט צו דער געטין פון פרוכטבאַרקייט. דאָס קינד איז דאָדורך געשטעלט געוואָרען אונטער איהר שוץ, און זיין קראַפט פון ''פּריה־ורביה'' איז געהייליגט געוואָרען צו איהר דיענסט.

אויב דער לעזער וועט אין זין האָבען בארטאָן'ס בעהויפּטונג, וועט ער פערשטעהן פאַרוואָס אברהם האָט קיין קינדער ניט מיט שרה'ן ביז ער איז ניין און ניינציג יאָהר אַלט, אַזוי שנעל אָבער ווי ער איז זיך מל, ווערט ער פרוכטבאַר.

דאָס ערקלערט אויך פאַרוואָס ביי דיזער געלעגענהייט זאָגט גאָט צו אברהם אַז ער וועט מאַכען אַז פון אברהם וועלען אַרויס־קומען פעלקער און קעניגע.

דאָקטאָר ה. ה. פּלאָס אין זיין גרויסען ווערק ''דאָס קינד אין ברויך און זיטע דער פעלקער'' גלויבט ניט אין ריכטיגקייט פון שלוס, וועלכען מיר האָבען געצוויגען פון בארטאָן'ס בעהויפּ־טונג, און אין ערשטען באַנד, זייט 298 (שטוטגאַרד 1876) זאָגט ער זיין מיינונג איבער דעם אורשפּרונג פון ברית מילה ווי פאָלגט:

''איבער דעם אורשפּרונג און צוועק פון ברית מילה האָט מען פיעל געשטריטען.

פיעלע האָבען בעהויפּטעט אַז ס'איז ענטשטאַנדען אויס גע־זונדהייטס־ריקזיכטען, ווייל אין די הייסע געגענדען ווערט דאָס אָרט וועלכעס די ערלה באַדעקט לייכט קראַנק דורך אומריינקייט.

''אָבער פיעלע גאַנץ אונריינע פעלקער האָבען דיזען געברויך אַנגענומען אָהן געזונדהייטס־ריקזיכטען.

''אַנדערע גיבען אַן אַ פּאָליטישען גרונד.

''מיר קענען, מיט גרויס וואַהרשיינליכקייט, אַננעהמען אַז די רעליגיעזע געזעצגעבער, וועלכע האָבען דיזען מנהג געטראָפען ביים פאָלק, האָבען איהם געפונען נוציליך פון היגיענישען שטאַנדפּונקט און כדי ער זאָל תמיד בלייבען אין פאָלק, האָבען זיי איהם אויס פּאָליטיש־רעליגיעזע מאָטיווען פערהייליגט.

(דער לעזער, אויב ער האָט די מעגליכקייט צו לעזען דאָק־

טאר פלאם בוך אין דייטש, זאל ער עס טהאן· ער וועט געפינען זעהר ווייניג אנטראפאלאגישע ביכער מיט אזא בעלעהרענדען און אינטערעסאנטען אינהאלט).

פ. דעליטש פרעגט פערוואונדערט:

״קען מען געפינען איינעם (?) וועלכער זאל זיך האלטען אן געדאנק אז דאס מל זיין וועלכעס איז געווען אן אלטער מנהג ביי די מצרים און אראבישע בעדואינען איז דער צייכען פון א ספעציעלען קאנטראקט צווישען גאט און ישראל״. *)

דער פראנצויזישער פילאזאף און וויסענשאפטסמאן ב. פאס־קאל, גלויבענדיג אז ברית מילה איז בלויז א צייכען פון א שבט, זאגט אין זיינע ״געדאנקען״ פאלגענדעס:

״מל זיין איז בלויז א צייכען (והיה לאות). א בעווייז דערצו איז דער פאקט, אז אין דער מדבר האבען די אידען זייערע קינדער ניט מל געווען, ווייל דארט האבען זיי ניט געקענט פערמישט ווערען מיט אנדערע פעלקער״. **)

דאקטאר דאדעל, ריידענדיג איבער משה, זאגט:

די תורה אליין דערצעהלט אז משה איז אויפגעצויגען גע־ווארען אין דער מיסטישער וויסענשאפט פון מצרים.

דיזע געצענדיענערישע וויסענשאפט איז דער פונדאמענט פון דער תורה, אין וועלכער מיר געפינען געצענדיענערישע און זא־גאר פראסט בארבארישע פארשטעלונגען. זיי אטעמען מיט דעם בלוט ריח פון היידענישען געצענדיענסט, וועלכער שטאמט פון נאך אן עלטערען געצענדיענסט, ביי וועלכען מען פלעגט ברענגען מענש־ליכע קרבנות״. ***)

ס׳איז דא ווערטה צו בעמערקען, אז פיעלע אויטהאריטעטען האלטען אז מל זיין שטאמט פון יענע צייטען ווען מען פלעגט מקריב זיין מענשליכע קרבנות. און ווי ה. ספענסער זאגט, ״אנ־

---

*) זעה בבל און ביבעל, זייטע 189.

**) זעה געדאנק 610 פון פאסקאל׳ס געדאנקען.

***) זעה ״לעבען און וויסענשאפט״ פון דר. דאדעל, צווייטער טייל, זייטע 158).

שטאט מקריב צו זיין דעם גאנצען מענש האט מען מיט דער צייט אנגעהויבען מקריב צו זיין א ''שטיקעל''.

28.

''להכניסו בבריתו של אברהם אבינו'' וואס מיינט עס?

מיט גאט און מענש אין איין פערבאנד,
געהט ערד און הימעל האנד אין האנד.
און זאל די ערד דעם הימעל פיהרען,
מיינט די זון מיט שמוץ בעציערען.
ל. ר.

דערמיט ווערט דאס קינד איינגעפיהרט אין א פערבאנד, און בעת מען זאגט דאס שניידט מען. און דיזע צערעמאניע איז א טהייל פון דעם איינפיהרען א נייעם מיטגליעד אין פערבאנד אריין.

קלינגט דאס ניט עפעס בעקאנט: ''פערבאנד'', ''איינפיהרען'', ''צערעמאניע''.

דאס צייגט ווי די גאנצע וועלט איז איינס.

גאט פיהרט אברהם'ן איין אין א נייעם פעראיין, געהט עס צו מיט א בלוטיגער צערעמאניע.

דער אויסטראליער, אפריקאנער, אדער אינדיאנער פיהרט זיין זוהן איין אין א פעראיין, געהט עס צו מיט א שרעקליכער צערעמאניע.

געהט איהר היינט אריין אין א נייעם פעראיין, געהט עס צו מיט א נארישער צערעמאניע.

פאנגט אייער זוהן אן צו געהען אין אן אמעריקאנער אוני־ווערזיטעט, פיהרט מען איהם איין מיט א ווילדער צערעמאניע.

מיר וועלען שפעטער צייגען, אז נאך ביז היינטיגען טאג, ווען צוויי ווילדע אפריקאנער שליעסען א נייע בעקאנטשאפט, געהט עס צו מיט א בלוטיגער צערעמאניע און אפט בעשטעהט עס אין דעם וואס יעדער איינער פון די צוויי נייע פריינד לאזט זיך בלוט פון א גליעד פון זיין קערפער און די צוויי ביסלאך בלוט ווערען דאן אויסגעמישט, און דאס אויסגעמישטע בלוט איז א צייי־

כען א ״כרת־ברית״ אויף ״אייביג״ צווישען די נייע פריינד.

ה. ספענסער אין זיין ערשטען באנד פון זיין ״דאטא פון סאָ־ציאָלאָגיע״, נייגצעהנטען קאפיטעל, זאָגט פאָלגענדעס: ״אין מאנכע פעלע ווערען שטיקער פון די טוידטע פערשלונגען פון די לעבעדיגע, וועלכע זוכען דאדורך זיך צו בעגייסטערען מיט די גוטע מעלות פון טוידטען, און דערביי גלויבען זיי אז דערמיט גיבען זיי אב כבוד דעם טוידטען.

״דיזע בלוטיגע צערעמאָניע האט נאך צוויי אורזאכען, איינע פון וועלכע איז דער גלויבען אז ווען צוויי מענשען פערשלינגען פערשיעדענע חלקים פון זעלביגען מאכל, ווערט בייביידע עסענדע א געמיינשאפטליכקייט פון זייערע נאטורען.

״מאנכע נעגער שבטים גלויבען אז עסענדיג די פערהייליגטע שפייז, עסען זיי און טרינקען דעם גאָט אליין. דער גאָט אליין, וועלכער איז איינער פון די אורעלטערן, האט שוין זיין חלק גע־עסען.

״ווען די מאַסקיטאָ אינדיאנער קלייבען זיך אוים א ״טאָטעם״ (א חיה אלס צייכען פון שבט) געהען זיי אוועק אויף א שטילען ארט און ברענגען א קרבן.

״מיט דער חיה אדער פויגעל, וועלכע ערשיינט דארויף אדער אין חלום, אדער אין ווירקליכקייט, ווערט ״כרת ברית״ געווען. ד. ה. א קאנטראקט ווערט געמאכט פאר׳ן גאנצען לעבען דורך בלוט־ציהען פון פערשיעדענע טהיילען פון קערפער״.

״דאס בלוט, געמיינט צו קומען פון דער אויסגעקליבענער חיה, ווערט אזוי פערבונדען מיט זייערען, אז דער טוידט פון איינעם מיינט דער טוידט פון צווייטען.

״אנדערע מאכען קליינע געצקעס פון זאמען. דיזער זאמען ווערט אויסגעמישט מיט בלוט פון קינדער וועלכע מען האט מקריב געווען, דאן ווערען די געצקעס אויפגעעסען.

״דיזע קאניבאלען, עסענדיג בלוט מיט זייער גאָט, גלויבען צו ווערען דאדורך איינס מיט איהם״.

אין צווייטען באנד זאגט ספענסער: ״בלוט־פערוואנדשאפט ווערט פארמירט אין דרום־אפריקא דאדורך וואס איינער טרינקט דעם צווייטענס בלוט. עפעס עהנליכעס געפינט מען איבער דער

גאנצער וועלט און עס איז געברויכט געווארען ביי אונזערע אור־אור־עלטערן.

"דאס ווערט אנגענומען צו זיין א סימבאלישער מנהג, שטור־דירענדיג אבער פרימיטיווע אידעען און געפינענדיג אז פרימיטיווע מענשען האבען געגלויבט אז די נאטור פון אלעם געפינט זיך אין יעדען חלק פון דער זאך, און דער ווילדער האט דערפאר געגלויבט אז עסענדיג דאס הארץ פון זיין מוטיגען שונא, האט ער אויך גע־קראגען זיין קוראזש, אדער צורייבענדיג די ביינער פון זיינעם א פרימען קרוב, און זיי, די צוריבענע ביינער, מיט וואסער ארונטער־שלינגען, האט ער איבערגענומען אלע גוטע מדות פון טוידטען קרוב. זעהען מיר אז איינזויגענדיג איינער דעם צווייטענס בלוט, גלויבען זיי דאדורך צווישען זיך פעסטצושטעלען א געמיינשאפט־ליכע נאטור".

"דאס זעלבע איז מיט בייטען נעמען.

"צו גיבען זיין נאמען צו א פריינד איז דער גרעסטער כבוד וואס איין ווילדער קען געבען דעם צווייטען. (ווען גאט בייט אבער אברם'ס נאמען פון אברם צו אברהם און פון שרי צו שרה, גיט ער יעדען פון זיי א "ה", א חלק פון זיין אייגענעם נאמען. ל. ר.).

אלזא, ספענסער בעווייזט מיט א מאסע פאקטען אז ווען צוויי ווילדע מענשען זיינען כרת־ברית איינער מיט'ן צווייטען געשעהט עס אין פערבינדונג מיט א בלוטיגער צערעמאניע.

און ווען גאט איז כרת־ברית מיט אברהם'ן געהט עס אויך צו מיט א בלוטיגער צערעמאניע.

גאט מאכט אבער מיט אברהם'ן צוויי קאנטראקטען אוןביידע זיינען בעגלייט מיט בלוטיגע צערעמאניעס.

איינע פון זיי איז ברית מילה.

און ווען דער איד זאגט "להכניסו בבריתו של אברהם אבינו" און שניידט דערביי א שטיק פלייש פון זיין קינד, געהט דאס קליינע אידעלע איין א קאנטראקט מיט דעם בעשעפער פון אלע וועלטען און נאטירליך געהט עס צו מיט א בלוטיגער צערעמאניע.

.29

וואָס איז די בעדייטונג פון "כרת-ברית?"

ניט גלויבענס ווערטח
ז'דער וואָס שווערט.

ל. ר.

גאָט איז מיט אברהם'ן צוויי מאָל "כרת ברית". צוויי קאָנט־ראַקטען שליעסט ער מיט איהם.

דער ערשטער קאָנטראַקט ווערט געמאַכט אונטער אומשטענ־דען און מיט אַ צערעמאָניע אַזוי פּרימיטיוו און אַזוי בלוטיג, ווי ספּענסער בעווייזט, אַז נור צווישען ווילדע איז עס מעגליך.

דער צווייטער קאָנטראַקט איז אויך פּרימיטיוו און בלוטיג, און ווערט אויך, ווי ספּענסער בעווייזט, פּראַקטיצירט צווישען ווילדע איבער דער גאַנצער וועלט. דער חילוק איז אָבער דיזער. דער ערשטער קאָנטראַקט איז געווען בינדענד בלויז אויף אברהם'ן דער צווייטער אָבער, מיט זיין גאַנצען בלוטיגען כאַראַקטער, איז איבערגעגאַנגען צו אברהם'ס קינדער.

אַ בלוטיגער קאָנטראַקט, איינגעגאַנגען צווישען אַ דעספּאָטי־שען גאָט מיט אַן אונגוויסענדען אַלטען אַראַבער פיער טויזענד יאָהר צוריק אין פינסטערען אַזיען, ווערט געהאַלטען פאַר הייליג פון ציר־וויליזירטע מענשען אין דער ציוויליזירטער וועלט פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

אָט איז די בלוטיגע צערעמאָניע אונטער וועלכער דער ער־שטער קאָנטראַקט איז געשלאָסען געוואָרען.

אין בראשית ט"ו ווערט דערצעהלט:

"גאָט פיהרט אברהם'ן אַרויס אויף דער גאַס און הייסט איהם קוקען צום הימעל און זעהען צי ער קען צעהלען די שטערן, און גאָט זאָגט אַזוי וועלען זיין דיינע קינדער. אברהם האָט געגלויבט, עפּעס וואָס איז גאָט זעהר געפעלען. און גאָט האָט געזאָגט, איך בין גאָט וועלכער האָט דיך אַרויסגעפיהרט פון דער שטאָדט אור אין כאַלדעען כדי דיר צו געבען דיזעס לאַנד צום ירש'ענען.

"האָט אברהם געזאָגט, הערר־גאָט, ווי אַזוי וויים איך אַז איך וועל עס ירש'ענען? (הייסט דאָס גלויבען?) ענטפערט גאָט (זאָל

דער לעזער בעמערקען וואס אברהם פרעגט און וואס גאט ענט־פערט) ברענגט מיר א דריי־יעהריג קאלב, א דריי־יעהריגע ציעג, א דריי־יעהריגען בארא, א טורטעלטויב און א יונגע טויב. ער האט פאר איהם דאס אלעס גענומען, זיי אין מיטען דורכגעשניטען (לע־בעדיג) און געלעגט איין העלפט געגען דער צווייטער. דעם פויגעל האט ער ניט צושניטען. און רויבפויגלען זיינען אראב אויף די שטיקער פלייש און אברהם האט זיי פערטריבען.

"ווען די זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהען איז א טיעפער שלאף געפאלען אויף אברהם'ן און א שרעק און א גרויס פינ־סטערניס.

דאן זאגט גאט צו אז די אידען וועלען זיין קנעכט א. ז. וו. און דורך די שטיקער פלייש איז דורכגעצויגען א רייכענדער אויווען און א פייערפלאם (דאס איז א שלום מיט פייערווערק) און דאן ווערט געזאגט "ביום ההוא כרת יהוה את אברם ברית".

דאס איז ניט דער איינציגער סארט קאנטראקט.

אין ירמיה ל"ד ווערט געזאגט:

"ונתתי את — — — — הברית אשר כרתי לפני העגל אשר כרתו לשנים ויעברו בין בתריו", ד. ה. דעם בונד וואס זיי האבען געשלאסען פאר מיין אנגעזיכט ווען זיי האבען א קאלב אין צוויי שטיק צושניטען און זיינען צווישען צוויי שטיק דורכגעגאנגען.

דער אויסדרוק "כרת ברית" מיינט ווערטערליך "שניידען א קאנטראקט" ווייל די אלטע מעטהאדע פון "כרת ברית צו זיין, איז געווען אז איינער האט דעם צווייטען די האנד איינגעשניטען און דאס בלוט געזויגען.

און וואס איז ברית מילה?

"מל זיין" איז שניידען און "מציצה" — — — איז א כבוד.

אז דאס איז ניט אידיש, אז דיזע גאנצע בלוטיגע צערעמאניע איז א געצענדיענערישע, בעווייזט דער פאקט אז דער גאט פון שכם האט געהייסען "בעל ברית". אין שופטים ח' ווערט געזאגט: "וישימו להם בעל־ברית לאלהים", וועלכעס מיינט אז די אידען האבען פערגעסען אין יהוה און זיך גענומען פאר א גאט דעם בעל־ברית.

און איז אברהם ניט געווען א געצענדיענער?

די תורה אליין בעוויזט עס.

ס'איז א פאקט אז ווען מענשען האבען זיך שוין אנגעהויבען שעהמען מיט דער בלוטיגער צערעמאניע פון "כרת-ברית, האט מען איינגעפיהרט עסען און טרינקען צוזאמען אלס א מין שליעסען פון א ברודער-בונד (דערפון אפשר שטאמען אונזערע באנקעטען) און בשעת דעם עסען פלעגט אנוועזענד זיין א סימבאל פון דער געטליכקייט אין דער פארמע פון זיעבען בהמות, זיעבען שטיינער אדער זיעבען ברונען, וועלכע האבען בעצייכענט די זיעבען שטערן-געטער אדער די זיעבען פלאנעטען.

און דיזער געצענדיענערישער מנהג איז אברהם'ן אויך ניט פרעמד.

אין בראשית כ"א ווערט דערצעהלט ווי אברהם שליעסט פריינדשאפט מיט אבימלך און דארט ווערט געזאגט "ויקח אברהם צאן ובקר ויתן לאבימלך ויכרתו שניהם ברית: ויצב אברהם את שבע כבשת הצאן לבדהן", וועלכעס מיינט: און אברהם האט גע-געבען צו אבימלך שאף און רינדער און זיי האבען געשניטען א בונד, און אברהם האט אוועקגעשטעלט בעזונדער זיעבען לעמער. ווער זיינען דיזע זיעבען לעמער? ס'איז די נייערע פארמע פון "כרת ברית,' זיין. ס'איז דא ווערטה צו בעמערקען אז דאס ווארט "נשבע" שווערען, האט דעם שורש "שבע" זיעבען און מיינט "צו זיין געבונדען ביי די הייליגע זיעבען'.

אן אינטערעסאנטע מיינונג איבער דער טהעאריע פון "כרת-ברית" גיט דאקטאר זשעוואנס אין זיין בוך די "גאט אידעע", קאפיטעל דריי.

אט וואס ער זאגט:

"דער גייסט פון שטורם-ווינד", ווערט דערצעהלט אין הייליגען בוך, "האט גענומען די יאפאנעזער צו זיין זיין פאלק און דאס פאלק פון יאפאן האט גענומען דעם שטורם-גייסט צו זיין זיין גאט.

און לויט דעם בונד וואס איז געשלאסען געווארען האבען די גייסטער זיך אונטערגענומען צו זיין די געטער פון די ווינדען און צו בענשען און רייף צו מאכען די תבואה און דאס פאלק פון זיין

זייט האָט זיך אונטערגענומען צו בויען א טעמפעל צו זייער נייעם גאָט — — — — — — — — — .

״די געטער אליין האָבען בעשטימט די קאָנדיציאָנען לויט וועלכע זיי האָבען געוואָלט נעמען די יאפאנעזער פאר זייער פאָלק, פונקט ווי אין שמות, זעקסטען קאפיטעל, איז עס געווען יהוה אליין, וועלכער האָט דיקטירט צו משה׳ן די בעדינגונגען פון בונד וועלכען ער האָט געוואָלט מאכען מיט די אידען.

״ולקחתי אתכם לי לעם והיית, לכם לאלהים״, וועלכעס מיינט אין וועל אייך נעהמען פאר א פאָלק און וועל צו אייך זיין א גאָט.

״אין יאפאן האָבען די געטער כרת־ברית געווען מיט׳ן קעניג, ווייל ער איז געווען דער כהן גדול — — — — — — — — — — — — — ״די געשיכטע פון אורשפרונג און מיינונג פון קרבנות האָט א פערוואנדשאפט מיט דער מתנה־טהעאָריע פון קרבנות.

״סיי אין דער מתנה־טהעאָריע, סיי אין דער כרת־ברית־טהעאָריע, זיינען די בעדינגונגען פון מסחר ״אזוי פיעל ברכה פאר אזוי פיעל דיענסט״. אָדער אזוי פיעל קרבנות פאר אזוי פיעל ברכות.

דער שטאנדפונקט איז א קאָמערציעלער.

די פערבינדונגען זיינען געזעצליך.

אויב די בעדינגונגען ווערען שטרענג געהאלטען פון איין צד, זיינען זיי דאן שטרענג בינדענד פון צווייטען צד אויך״.

דער אמת׳ער גרונד פון ״כרת־ברית״ שיינט צו זיין פאָלגענדער :—

דער מענש אין זיין קינדישען צושטאנד, האָט זיך געפיהלט שוואך און הילפלאָז, ער האָט געזעהן אין דער נאטור ארום איהם ווי דער שטארקערער רעגיערט אָדער פערניכטעט דעם שוואכערען.

ער האָט זיך געשראָקען ניט נור פאר דער רויהער נאטור, נור אויך פאר זיינע מיטמענשען, און ניט נור פאר זיינע לעבעדיגע מיטמענשען, נור אויך פאר זיינע טוידטע מיטמענשען, פאר זיינע טוידטע מיטמענשען נאָך מעהר ווי פאר זיינע לעבעדיגע. פאר די לעצטע האָט ער זיך אמאָל געקענט אויסהיטען, פאר די ערשטע ניט. און אין זיין שרעק און הילפלאָזיגקייט האָט ער זיך געווענדעט צום שטארקערען פון זיך און געבעטען רחמנות. יענער האָט געשענקט רחמנות, אָבער ניט אומזיסט. דיזער האָט געמוזט עפּעס צוזאָגען אלס א בעלוינונג פאר׳ן געשענקטען רחמנות, און צו־

זאגענדיג איינער דעם צווייטע, האבען זיי עס געטהאן אונטער א געוויסער צערעמאניע, אמאל א בלוטיגע, אמאל א שמוציגע, אמאל א לעכערליכע, אבער תמיד בעגלייט פון א צערעמאניע.

דעמזעלבען אבמאך פלעגט דער שוואכער מענש איינגעהען מיט זיינע טוידטע מיטמענשען, און אויך מיט זיי פלעגט דער פריינדשאפטס־בונד געפייערט ווערען אונטער א בלוטינער צע־רעמאניע.

שפעטער ווען דער מענש האט אנגעהויבען צו פערגעטערען זיינע טוידטע מיטמענשען, זיינע עלטערן, זיינע העלדען א. ז. וו., פלעגט ער פון צייט צו צייט שליעסען א פריינדשאפטס־בונד מיט דיזע פערגעטערטע טוידטע און אין לויף פון די יאהרען ווען מענשען האבען פון די פערגעטערטע טוידטע געמאכטע געטער, האט זייער אורשפרונג זיך פערגעסען און זיי זיינען בעטראכט געווארען אלס געטער. דאן זיינען שוין די בונדען געמאכט געווארען מיט די געטער.

דער ״כרת־ברית״ פון ברית מילה איז אזא בונד.

30

איז דער קאנטראקט פון ברית מילה בינדענד?

ערפאהרונג איז אהן צווייפעל דאס ערשטע פראדוקט וואס אונזער שכל ברענגט ארויס.

ע. ט. ק א נ ט

קריטיק דער ריינען פערנונפט.

דאקטאר זשעוואנעס האט רעכט, ווען ער זאגט אז דער עצם פון כרת־ברית זיין איז א צוזאג פוןביידע זייטען, ״אזוי פיעל קרבנות פאר אזוי פיעל ברכות״, אויב ניט וואס פאר א קאנטראקט איז דאס? ווען בלויז איין צד זאגט צו איז עס ניט קיין קאנ־טראקט. יעדענפאלס ניט בינדענד אויף דעם צד וואס זאגט צו.

ווען ביידע צדדים אין א קאנטראקט זאגען זיך געגענזייטיג צו איינענד וועלכע זאך אדער טהאט, איז דער צווייטער צד פער־פליכטעט צו טהאן אדער געבען וואס ער האט צוגעזאגט, נור ווען דער ערשטער צד האט געטהאן אדער געגעבען וואס ער האט פער־

שפראכען, קוים ניט, איז דער צווייטער צד פריי פון קאנטראקט. און דער ערשטער צד קען צו איהם קיין טענות ניט האבען.

גאט און אברהם גהען איין אין א קאנטראקט. דיזער קאנ־טראקט איז בעקאנט אלס ברית מילה.

יעדער צד זאגט עפעס צו, און יעדער צד מוז זיין צוזאג האלטען, אויב עס זאל זיין בינדענד אויפ'ן צווייטען צד אויך.

דער ערשטער צד איז גאט!

וואס זאגט ער צו?

אט איז א טהייל פון צוזאג פון ערשטען צד:

"און איך וועל דיר געבען און דיינע קינדער נאך דיר דאס לאנד אין וועלכען דו האלטסט דיך אויף, דאס גאנצע לאנד כנען, צו אייביגער בעזיצונג".

פאר דיזען צוזאג פערלאנגט גאט אז דער צווייטער צד זאל "המול לכם כל זכר: ד. ה. מל זיין".

האט דער ערשטער צד געהאלטען זיין צוזאג?

זאל דער איד וואס איז מל זיין קינד ענטפערן!

האט גאט געהאלטען זיין צוזאג? וואס צייגט די ערפאהרונג?

ווער, א חוץ א בלינדער פאנאטיקער, קען אין ליכט פון איי־דענס פערגאנגענהייט זאגען אז גאט האט זיין צוזאג צו די אידען געהאלטען?

און אז דער ערשטער צד האט זיין פערשפרעכען ניט גע־האלטען, פארוואס זאל עס דער צווייטער צד טהאן?

האט גאט געבראכען זיין ווארט?

וועלכעס איז גלייכער און שעהנער פאר'ן אידען, צו גלויבען אז גאט האט זיין פערשפרעכען ניט געהאלטען, וועלכעס מיינט אז גאט איז א ליגנער, אדער צו גלויבען אז די גאנצע געשיכטע איז א בלוטיגע איבערבלייבעכטס פון יענע פינסטערע צייטען, ווען יעדער נארישער אראבער האט געגלויבט צו שטעהן אין דירעק־טער פערבינדונג מיט דעם בעשעפער פון די וועלטען? וועלכעס?

דער איד וואס גלויבט, גלויבט דאך אז גאט האט צוגעזאגט, גלויבט ער אויך אז גאט האט זיין צוזאג ניט געהאלטען?

און ער קען דאך ניט אנדערש, ווייל די גאנצע וועלט זעהט דאך אז דער ערשטער צד האט זיין צוזאג ניט געהאלטען, היינט,

פארוואס זאל דער צווייטער צד האלטען זיין טהייל פון בלוטיגען קאנטראקט?

און דיזער צווייטער צד איז עס דער חכם ונבון? און פאר־שטעהט ניט אז זיין קאנטראקט מיט גאט איז ניט בינדענד?

.31

וואס איז דער אמת'ער גרונט פון ברית מילה?

די מורא פאר די לעבעדיגע איז דער שורש פון פאליטישער הער־שאפט. די מורא פאר די טויטע איז דער שורש פון רעליגיעזער הערשאפט.

ספענסער.

אז ענטפער צו דיזער פראגע, וועלכער שיינט צו זיין דער ריכטיגסטער, גיט הערבערט ספענסער.

מיר וועלען דא איבערגעבען, קורץ, א קליינעם טייל פון זיין ענטפער.

ערשט אבער וועלען מיר איבערגעבען זיין געדאנק כדי לייכטער צו פערשטעהן זיינע שליעסע.

'עס איז געוועז א צייט אין דער מענשליכער געשיכטע, ווען מען האט א מלחמה־געפאנגענעם פערקריפעלט אויף אן אבר אלס צייכען פון אונטערטעניגקייט.

אמאל האט מען איהם אבגעשניטעןביידע הענד, אמאל איין האנד, אמאל א פינגער אבגעשניטען, אז אויג אויסגעשלאגען, א צאהן אויסגעהאקט, אמאל די האאר פון קאפ אויסגעריסען צו־זאמען מיט דער הויט פון שייטעל, אמאל אבגעשניטען א שטיק נאז, אמאל דורכגעלעכערט די נאז א. ז. וו. דיזע אבגעשניטענע שטיקער פלעגען דיענען אלס אנדענקען און בעווייז פון דער העל־דישקייט פון זיעגער. וואס מעהר אזעלכע שטיקער נאז, אויערען, שייטלען, פינגער א. ז. וו. איינער האט געהאט, פאר אלץ א גרע־סערען העלד איז ער אנערקענט געווארען.

מיט דער צייט ווען מען האט שוין געקענט האבען אן עקאַנאמישען נוצען פון געפאנגענעם, האט מען איהם מעהר ניט געוואלט פערקריפּלען, כדי זיין דיענסט־ווערטה ניט צו פערקלענערען. פערקריפּלען אבער איז געווען א מנהג, פלעגט מען דעם געפאַנגענעם פארשטימלען אויף אזא אופן, אז עס זאל איהם ניט מאכען ארבייטס־אונפעהיג.

די בעשניידונג איז אזא פערשטימלונג.

ברית מילה שטאמט פון דיזען ווילדען מנהג.

ניט נור האט מען די געפאנגענע פערשטימעלט, נור אויך זייערע קינדער, ווייל אויך זיי זיינען געווען שקלאווען. און אויך זיי האבען געמוזט טראגען אויף זיך דעם צייכען פון אונטערטעניגקייט.

די אבגעשניטענע ערלות פלעגט מען אוועקלעגען פאר'ן קעניג'ס פּיס אלס א צייכען פון עהרפורכט.

ווען דער קעניג איז געשטארבען איז ער פון די ווילדע פארגעטערט געווארען און די אבגעשניטענע ערלות האבען אנגענומען די פארמע פון קרבנות אויפ'ן קבר פון טוידטען קעניג אדער גאט.

און אזוי האט א פּאליטישע צערעמאניע זיך פערוואנדעלט איז א רעליגיעזער.

מל זיין, אלזא איז דער צייכען פון אונטערטעניגקייט.

אז א פאלק זאל פון א צייכען פון אונטערטעניגקייט מאכען א נאציאנאלען און רעליגיעזען צייכען און זיך מיט איהם האלטען ביז אין דער מאדערנער צייט אריין, אזוי אז אפילו א רעוואלוציאן זאל איהם ניט קענען אבשאפען, זיינען די בינעזער א לעבעדיגער בעוויין.

אין זיין געשיכטע פון כינא, אבטען קאפּיטעל, זאגט ד. ק. באולגער פאלגענדעס: *)

"ווען די מאנטשוס (טארטארען) זיינען אריין .אין שטאדט אריין איז פארגעקומען א שרעקליכע שלאכט, דאס מיליטער איז אויסגעה'רג'עט געווארען, דער קעניג האט בעגאנגען זעלבסטמארד

---

*) זעה די געשיכטע פון כינא פון ד. טש. באולגער, צווייטען באנד.

קינד? ענטפערט ער. "ס'איז פאר געזונדהייטס צוועקען!"

און אלע וואס האבן געוואלט רעטן זייערע לעבענס האבן גע־מוזט זיך אבגאלען זייערע קעפ אלס צייכען פון אונטערטעניגקייט.

"דאס איז די ערשטע היסטארישע ערוועהנונג צו א מנהג וואס איז יעצט פארשפעט איבער גאנץ כינא און איז געווארען א נא־ציאנאלע טראכט.

דער צייכען פון אונטערטעניגקייט איז געווארען א צייכען פון נאציאנאלען שטאלץ".

אלזא דער לאנגער צאפפען אויפ'ן קאפ וואס דער כינעזער האלט אזוי טהייער און הייליג, איז ניט מעהר ווי א צייכען פון שקלאווערייט פון די טארטארען.

און פארוואס האלט דער מאדערנער כינעזער זיך מיט דיזען שענדליכען צייכען?

ד. ק. באולגער ענטפערט: "ווייל דער כינעזער ווייסט ניט פון וואנעט דער מנהג שטאמט.

ברית מילה, פונקט ווי דער כינעזישער צאפפען, איז א שענד־ליכער צייכען פון אונטערטעניגקייט.

דער מאדערנער איד אבער האלט זיך דער מיט. פארוואס? ווייל, פונקט ווי דער כינעזער, ווייסט ער ניט פון וואנעט דיזער בלוטיגער מנהג שטאמט.

וועגען אן עהנליכען מנהג ביי ווילדע שבטים זאגט ספענסער: "אין אלטען פערואוויא האט דער זיגער 'הואיינע קאפאק' כדי צו האלטען די בעזיעגטע געהארכזאם, אייגנעפיהרט א געזעץ אז די בעזיעגטע און זייערע קינדער זאל מען אויסרייסען דריי צייהן פון די אויבערסטע יאסלעס און דריי פון די אונטערסטע אין פאל פון אונגעהארכזאמקייט. מיט דער צייט איז דערפון געווארען א טרא־דיציע אז די טאטעס פלעגען אויסרייסען צייהן ביי זייערע קינדער גלויבענדיג אז די געטער פערלאנגען אזוי.

און ספענסער זעצט צו: "און פונקט ווי עס געשעהט מיט אנדערע פערשטימלונגען פון קערפער, די מיינונג דערפון ווערט פערגעסען, און שפעטער ווען מען האט געפרעגט פארוואס אויס־האקען די צייהן ביי קינדער, האט מען געענטפערט, 'סאיז כדי צו פערשעהנערען זייער אויסזעהען".

און ספענסער וואלט נאך געמעגט צוזעצען אז דער היפאקריי־טישער איד פון היינט, פונקט ווי דער אינדיאנער פון פערואוויא.

ווען מען פרעגט איהם "פארוואס שניידען א שטיק פלייש פון א קינד?" ענטפערט ער "ס'איז פאר געזונדהייטס צוועקען!"

אויף אן אנדער פלאץ, אויפצייגענדיג די גרויזאמע, בלוטיגע פערשטימלונג פון אברים ביי געפאנגענע, ווי צ. ב. קאסטרירען (סרים) א. ז. וו., זאגט ספענסער:

"אז קאסטרירען די געפאנגענע איז געווען איינגעפיהרט אלס אן אנדענקען פון דער מלחמה, געפין איך ניט קיין דירעקטע בעווייזע, אבער צו עפעס עהנליכעס איז יא פאראן דירעקטע בעווייזע. די פערזיער פלעגען קאסטרירען דעם געשלאגענעם שונא.

"ביי דעם יעהרליכען יום־טוב פון דער פריגישער געטין ,אממא' פלעגען יונגע מענער זיך מאכען פאר סריסים מיט א שארפע שי־סעלע פון אן אויסטער אויסשרייענדיג דערביי "נעם דאס אממא!"

"דיזער בלוטיגער מנהג איז געווען פערשפרייט צווישען די כנענים און ביי די אלטע פריסטער פון מעקסיקא.

"זייענדיג א צייכען פון אונטערטעניגקייט, איז דער געברויך פון דיזען מנהג פערבליבען, כאטש פונקט ווי ביי אנדערע צע־רעמאניעס, האט דער זין דערפון זיך פערגעסען.

,'נאטירליך, צווישען דיזע סארט פערקריפלונגען, איז די ווע־ניגער געפעהרליכע, די מיינסט פערשפרייטע.

און דערפאר טרעפט מען דעם מנהג פון מל זיין צווישען אנ־פערבינדעטע פעלקער אין אלע טיילען פון דער וועלט.

"מען טרעפט עס צווישען פאלינעזער אין טאהטי, אין טאנגא, אין מאדאגאסקאר, ביי די נעגער אין ניי־קאלאדאניען און פיזשי, ביי אפריקאנער פעלקער, ביי די ברעגעס אין אינלאנד, פון צפון אביסיניען ביז דרום פון קאפירלאנד. אין אמעריקא צווישען מעק־סיקאנער פעלקער, די יוקאטאנעזען און די פעלקער פון סאן סאל־וואדאר, און אויך אין אויסטראליען.

"אבגעזעהען דערפון וואס זייערע מאנומענטען צייגען אז די מצרים האבען געהאט דעם מנהג פון מל זיין פון גאנץ אלטע צייטען, און אפילו אבגעזעהען פון די בעווייזע וואס איז פאראן אז דער מנהג איז געווען פערשפרייט צווישען אלע אראבער, זייגען די בעווייזע, אז מל זיין איז ניט בעגרענצט צו איין געגענד און צו איין ראסע, גענוג צו צייגען אז דער טהעאלאגישער ענטפער איז קיין ענטפער ניט. (ספענסער מיינט דערמיט אז דאס וואס די

תורה דערצעהלט ווי אזוי מל זיין איז ענטשטאנדען איז ניט ריכטיג. ל. ר.).

"עס ציינט אויך אז אן אנדערער ענטפער, וועלכען מען גיט געוועהנליך, איז אויך קיין ענטפער ניט. די פאקטען ציינען אז וועהרענד דער מנהג פון מל זיין איז ניט צו געפינען ביי די גאנץ ריינע ראסען פון דער וועלט, געפינט מען עס שטארק פערשפרייט צווישען די מיינסטע אונריינע ראסען.

אין גענענטייל, אלע פאקטען ציינען אז מל זיין איז א צייכען פון אן אונטערטעניגקייט פאר'ן בעזיעגטען.

"פאקטען ציינען אז אין אביסיניען נעהמט דער זיעגער די ערלה פון בעזיעגטען אלס אנדענקען פון דער מלחמה, און יעדער קריעגער, ברענגט אלס מתנה, די אבגעשניטענע שטיקער פון שונא'ס טוידטען קערפער, צום קעניג.

"ווען די בעזיעגטע, אנשטאט דער'הרג'ט צו ווערען, ווערען שקלאווען, און אויב די קריעגער וועלכע האבען זיי בעזיעגט נעהמען נאך אלץ די ערלות אלס צייכען אדער אנדענקען פון זייער העלדישקייט, דאן מוז ענטשטעהען דאס מל זיין פון לעבעדיגע געפאנגענע, וועלכע ווערען דערמיט בעצייכענט אלס אונטערטע-ניגע.

"אזוי ווי דער פיהרער און קעניג ווערען איבערגעבעטען דער-מיט וואס מען ברענגט זיי די ערלות פון זייערע שונאים, און אזוי ווי דער פרימיטיווער גלויבען איז, אז דער גייסט פון א טוידטען מענש, וויל דאס וואס דער לעבעדיגער האט געוואלט, מוז דערפון פאלגען דער מנהג פון געבען די ערלות צום גייסט פון פערשטאר-בענעם קעניג.

"און דאן, אין א הויך-מיליטערישער געזעלשאפט, וועלכע ווערט רעגיערט פון א דעספאט וואס שטאמט פון גאט'ס משפחה, וועלכער פערלאנגט אז אלע זיינע אונטערטאנען זאלען טראגען דעם צייכען פון אונטערטעניגקייט, און וועמעס גייסט, ווען ער שטארבט, ווערט אויס שרעק אנגעבעטען, מעגען מיר דאן ער-ווארטען אז פון דעם מנהג פון געבען דעם קעניג די ערלות פון פערשקלאפטע שונאים, וועט זיך ענטוויקלען דער מנהג פון מקרים צו זיין גאט (טוידטער הערשער. ל. ר.) די ערלות פון די מענ-

ליכע בירגער פון יעדן דור אלס צייכען פון זייער פערשקלאפקייט צו איהם.

״דערפאר, ווייל מיר וויסען אז ביי די כנענים איז מל זיין געווען א צייכען פון געהייליגט זיין צום גאט סאטורן און ווען ס׳זיינען פאראן בעווייזע אז גאר אין אלטע צייטען האט מען אין סאן־סאלוואטאר, זיך מל געווען אויף דעם זעלביגען אופן ווי ביי די אידען, און דאס בלוט האט מען מקריב געווען צו א געץ, זעהען מיר דארינען א רעזולטאט, וועלכען מען האט געקענט ערווארטען זאל מיט דער צייט אויפקומען (ער מיינט מל זיין אלס רעליגיעזער געבאט. ל. ר.).

״אז דאס איז עהנליך צום מנהג וועלכען מיר געפינען אין דער תורה, איז קלאר.

,׳די אלטע העברעער, ווי די מאדערנע אביסיניער, האבען געהאט א מנהג פון פערשטימלונג דעם קערפער פון טוידטע שונאים. און איןביידע פעלע, ווען דער בעזיעגטער שונא, וועלכען מען האט ניט גע׳הרג׳עט, דורך מל זיין בעצייכענט ווערען אלס אונטערטעניג.

״אז מל זיין איז צווישען די העברעער געווען א צייכען פון אונטערטעניגקייט, איז בעוויזען מיט עדות.

״וויסענדיג אז צווישען די עקזיסטירענדע בערואינען (האלב־ווילדע אראבער) איז דער איינציגער בעגריף פון גאט ווי פון א מעכ־טיגען, לעבעדיגען הערשער, ווערט דאס כרת־ברית זיין צווישען גאט און אברהם׳ן דורך ברית מילה פערשטענדליך. דער פאקט ווערט פערשטענדליך, אז ווייל אברהם וועט ערהאלטען א טע־ריטאריע, וועט די פערשטימלונג, ד. ה. דאס מל זיין בעצייכענען אז דער הארר וועט צו איהם זיין א גאט, און אז דיזער צייכען זאל געטראגען ווערען ניט בלויז פון איהם און זיינע קינדער, נור אויך פון זיינע שקלאווען.

״און געדענקענדיג דאס פרימיטיווע פעלקער גלויבען, אז דער גייסט פון טוידטען הערשער איז דאס זעלבע ווי דער לעבעדיגער הערשער, פערשטעהען מיר אויך די זאגדערבארע טראדיציאן פון גאט׳ס כעס פון וועלען הרג,ענען משה׳ן פאר ניט מל זיין זיין זוהן אין דער מדבר.

(ספענסער מיינט אז אברהם האט געהאט צו טהאן מיט אן אראבישען פאטענטאט,ביים לעבען, און משה, מיט דעם גייסט פון יענעם טוידטען, שפעטער פערגעטערטען פאטענטאט. ל. ר.).

ברענגענדיג נאך א מאסע בעווייזע, זאגט ער ווייטער:

''די בעווייזע אז די פערשטימלונג פון לעבעדיגע איז א פאלגע פון מנהג פון נעהמען א צייכען אדער אנדענקען פון טוידטע, זיינען פיעל און פערשיעדען. נעהמען אן אנדענקען אדער צייכען, הייסט פיהרען דעם זיעג ביז צום טוידט, און דער מנהג אבצושניידען א שטיק פון געפאנגענעם איז כדי איהם צו מאכען אונטערטעניג.

''מיט דער צייט בעדייטעט דאס פרייוויליגע איבערגעבען א שטיק פון זיך, אונטערטעניגקייט, און מיט דער צייט ווערט עס א רעליגיעזע צערעמאניע דורך דיזער בעדייטונג. *)

אויף אן אנדער ארט זאגט ספענסער:

''ביים ענדע פון טאג פון מלחמה מוז יעדער פיהרער פון אביסיניען זיצען ביי דער טהיר פון זיין געצעלט, און יעדער קריעגער וואס האט גע'הרג'ט א מענשען, ערשיינט פאר איהם אין פולער מלחמה טראכט מיט דער ערלה פון גע,הרג'עטען אין זיינע הענד — — — און אויב ער האט גע'הרגט מעהר ווי איין מענש, ערשיינט ער מעהר ווי איין מאל, ווען די צערעמאניע איז פארביי, נעהמט יעדער זיין בלוטיגען ''זיעג'' און ציהט זיך צוריק עס צו רעכט צו מאכען אויף דעם זעלבען אופן ווי די אינדיאנער מאכען צו רעכט זייערע הויטען פון די אבגעהאקטע שייטלען, און די גאנצע ארמעע, אין א געוויסען טאג בשעת א פאראד,ווארפט די ערלות פאר'ן קעניג און זיי בלייבען ליגען ביים טויער פון פאלאסט''.

''ס,איז דא בעמערקענסווערטה אז דער צייכען, די ערלה, וועלכע דיענט ערשט אלס א צייכען פון זיעג פון קריעגער, ווערט דערנאך געמאכט אלס קרבן פאר'ן הערשער און דאן ווערט עס געברויכט אלס מיטעל צו פערצייכענען די צאהל גע'הרג'עטע,'.

אז אידען האבען זיך דערמיט בענוצט צום זעלבען צוועק זיינען פאראן בעווייזע, וועלכע דער לעזער וועט געפינען אין נעכסטען קאפיטעל.

---

*) זעה ספענסער'ס דאדטא פון סאציאלאגיע, צווייטער באנד.

אלזא, דער גרונד פון ברית מילה מנהג איז צו זוכען אין פאקט וואס דער זיעגער אין פרימיטיווע צייטען האט זיין זיעג איינגעשני־טען אין קערפער פון בעזיעגטען.

מיט דער צייט איז פון א פאליטישען מנהג געווארען א רע־ליגיעזער דין.

.32

אברים פערקריפלונג לויט דער תורה.

פונקט ווי א געשאנק צום הערשער ענטוויקעלט זיך אין א פאליטישער טאקסע, אזוי ענטוויקלען זיך די מתנות צו גאט אין א הימלישער טאקסע, קרבן.

ה. ספענסער.

אין שמות כ"א ווערט געזאגט:

"ואם אמר יאמר העבד אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני לא אצא חפשי", וועלכעס מיינט:

אויב דער קנעכט וועט זאגען, איך האב ליעב מיין הארר, מיין ווייב, מיינע קינדער, איך וויל ניט ארויסגעהען פריי.

פאר דיזען ניט וועלען ארויסגעהען פריי קומט איהם לויט דער תורה פאלגענדע שטראף:

"והגישו אדניו אל האלהים והגישו אל הדלת או אל המזוזה ורצע אדניו את אזנו במרצע, ועבדו לעלם", וועלכעס מיינט, זיין הארר זאל איהם ברענגען פאר די געטער, ער זאל איהם צופיהרען צו דער טהיר און ביי איינעם פון די זייטענשטיקלאך איהם דעם אויער מיט אן אהל דורכבויערען און ער זאל דאן דיענען אייביג.

אלזא, דעם אויער דורכלעכערען, ד. ה. פערקריפלען דעם אויער.

איז דאס די שטראף פאר ניט וועלען זיין פריי? עס קען ניט זיין, ווייל די פאסענדע, כאטש גרויזאמע שטראף, שיינט צו זיין דאס אייביגע בלייבען א שקלאף.

און וועט די תורה בעשטראפען א אידען מיט צוויי שטראפען פאר איין פערברעכען?

מיר וועלען ביי אן אנדער געלעגענהייט צייגען אז דיזער געזעץ איז שוין געווען אן אלטער בבל'שער געזעץ אין משה'ס צייטען. דער וואס האט עס אין דער תורה אריינגעשטעלט האט, אפשר ניט וויסענדיג, פערדרעהט די פאקטען.

אין פיעלע אלטע שטאאטען זיינען געווען צוויי סארטען שקלאווען. איין סארט פריוואטע און א צווייטע, שקלאווען פון שטאאט. (צ. ב. די העלאטען פון ספארטא).

די פריוואטע שקלאווען פלעגען האבען פערשיעדענע צייכענס, פון א פערשטימעלטען אבר ביז א צייכען אויפ'ן לייב אויסגעברענט מיט א גליהענדען אייזען, פונקט ווי מען ברענט אויס צייכענס ביי שאף און רינדער. דער שטאאט פלעגט זיינע שקלאווען בעצייכענען מיט אן אבר פערשטימלונג, אזוי אז מען זאל עס לייכט זעהען, אפילו ווען דער שקלאף איז ניט נאקעט.

דאס איינפאכסטע און ווענינסטע שעדליך איז געווען דעם אויער דורכצולעכערען.

דעם אלטען מנהג וועלכען דער שרייבער פון פרשה משפטים האט געהאט אין זין איז וואהרשיינליך פאלגענדער:

ווען א פריוואטער שקלאף האט דורך אירגענד וועלכען אופן געקראגען זיין פרייהייט, וועלכע האט איהם פיעלע מאל ווענינ גענוצט, האט ער בעשלאסען צו ווערען א שקלאף ביים שטאאט, און כדי דאס אויסצופיהרען האט ער אליין זיך דורכגעלעכערט דעם אויער, דאס הייסט, ער האט אויף זיך אליין ארויפגעלעגט דעם שטעמפעל פון אונטערטעניגקייט, און ס'איז לייכט מעגליך אז דיזע פערשטימלונג איז אויסגעפיהרט געווארען ביים טויער, ביים אריינגאנג פון שטאדט, און מעגליך אז ס'האט געדיענט אלס א מין פאספארט.

יעדענפאלס, דיזער פאקט צייגט אז דיזע סארט פערשטימלונג פאר'ן שקלאף איז ביי די אלטע העברעער געווען א בעקאנטער מנהג.

קוים נעהמען מיר ניט אן דיזע טהעאריע, בלייבט דער פאקט פון דעם אויער דורכלעכערען, ווי די תורה גיט איהם איבער, אונפערשטענדליך.

דיזער בלוטיגער מנהג איז געווען ניט נור ביי אידען אליין.

אַט וואָס ספּענסער זאָגט וועגן דיזען ענין :

"לויט נייליכע בעריכטען פון מזרח בעווייזען, ווערען די בעזיגטע בערויבט פון זייערע נעזער דורך די זיעגער, און ווערען דאַדורך, אויב זיי בלייבען לעבען, דערקענט אַלס די בעזיגטע.

"א חוץ דער נאָז, פערלירט דער בעזיגטער אויך די אויערען, אויך דאָס איז אַ צייכען פון אונטערטעניגקייט.

"און כאָטש אַבגעשניטענע אויערען בעצייכענען גיכער דעם פערברעכער איידער דעם בעזיגטען שונא וועלכער איז געבליבען לעבען נאָך דעם וואָס מען האָט ביי איהם ארונטערגענומען דעם צייכען פאַר'ן זיעגער, מעגען מיר פאַרדעכטיגען אַז אָריגינעל איז דאָס געווען דער צייכען פון פערשקלאַווטען געפאַנגענעם, און מיט דער צייט איז עס געברויכט געוואָרען אַלס צייכען פון אַ שקלאַף, וואָס איז געווען געברויכט ביי די העברעער, און ווערט נאָך ביז היינט געברויכט אין מזרח עטוואָס מאָדיפיצירט. דאַן ברענגט ספּענסער דעם אויסצוג פון שמות כ'א, וואו עס ווערט גערעדט וועגן דעם דורכלעכערען פון אויער, און ציטירט פון אַ צווייטען שרייבער, וועלכער זאָגט : "אין מאָדערנען מזרח איז דאָס דורכ־לעכערען פון אויער אַ צייכען פון אַ נזיר, עס דריקט אויס דעם געדאַנק אַז מען געהערט צו אימיצען (פּונקט ווי חנה האָט שמואל'ן איבערגעגעבען צו גאָט. ל. ר.) און דאָרט וואו עס ענטשטעהט אַבסאָלוטער דעספּאָטיזם, ווערט פון די פּריוואַטע און שטאַאַטס־שקלאַווען איינס, און עס ווערט אַנגענומען אַז אַלע שקלאַווען זיינען דעם קעניג'ס, און דעם אויער דורכלעכערען ווערט אַן אַלגעמיינער מנהג.

אַלע בורמעזען, אָהן אויסנאַהם, האָבען אַ מנהג זיך דורכצור־לעכערען די אויערען, און דעם טאָג פון דיזער בלוטיגער אָפּעראַציאָן מאַכען זיי אַ יום־טוב.

די גאַנדען נעהמען זייערע אויערען אין די הענד אַריין אַלס צייכען פון אונטערטעניגקייט.

"ביי מאַנכע שבטים ווערט אונטערטעניגקייט אויסגעדריקט דורך אַנטהוען אַ רינג אין דער דורכגעלעכערטער נאָז.

אין קאַפּיטעל ל"ז זאָגט ישעיה : 'יען התרגזך אלי ושאננך עלה באזני ושמתי תחי באפך ומתגי בשפתיך וכו'.' וועלכעס מיינט,

ווייל דו ביזט אויף מיר אין צארן און ווייל איך האב געהערט פון דיין טראץ, וועל איך לעגן מיין רינג אין דיין נאז א. ז. וו. דאס זאגט גאט דורך ישעיה צו סנחריב דעם קעניג פון אשור.

דא דריקט דער נביא אויס דעם געדאנק פון מאכן סנחריב'ן אונטערטעניג.

און ספענסער זעצט צו: "ווען צום אויבענגעבראכטן מיר גיבן נאך צו דעם פאקט אז די אסירישע סקולפטורן ציינען אונז ווי געפאנגענע ווערן געפיהרט מיט שטריק צוגעבונדען צו די רינגען וועלכע זיינען דורכגעלעכערט דורך זייערע נעזער, זעהען מיר ניט דארינען א צייכען פון אונטערטעניגקייט?"

ביים פרימיטיווען מענשען איז קיין חילוק ניט פאראן, זאגט ספענסער, צווישען שקלאף און פערברעכער, און ער בעהאנדעלט זיי ביידע גלייך. אין מאנכע געגענדען פלעגט מען זייערע קערפער אויפהענגען טוידטערהייט, און מאנכעמאל שטיקער פון קערפער.

דיזער מנהג פון פערשטומלען טוידטע קערפער טרעפט מען ביי די אידען אויך.

אין שמואל ב', קאפיטעל ד', ווערט דערצעהלט ווי צוויי קאפיטאנען, בענה און רכב האבען גע'הרג'עט שאול'ס אינגסטען זוהן איש־בשת און געמיינט אז דאס וועט דוד'ן געפעלען. דוד אבער לאזט זיי הרג'ענען און אט ווי אזוי: "ויהרגום ויקצצו את ידיהם ואת רגליהם ויתלו על הברכה בחברון", וועלכעס מיינט, זיי האבען זיי גע'הרג'עט און אבגעהאקט זייערע הענד און פיס און זיי אויפגעהאנגען ביים טייך אין חברון.

עפעס עהנליכעס האבען די פלשתים געטהאן מיט דעם טויד־טען קערפער פון שאול המלך.

אז די אידען האבען געהאט דעמזעלביגען מנהג ווי די אבי־סיניער ווערט בעוויזען אין שמואל י"ח.

אט וואס דארט ווערט דערצעהלט:

"ויאמר שאול כה תאמרו לדוד אין חפץ למלך במהר כי באמה ערלות פלשתים להנקם באיבו המלך", וועלכעס מיינט, אז ווען דוד האט זיך גע'שדכנ'ט צו מיכל, שאול'ס טאכטער, (אדער פער־קעהרט) האט שאול געזאגט אז קיין נדן וויל ער ניט פון דויד'ן. ער

וויל אַבער אַז דוד זאָל איהם ברענגען הונדערט ערלות פון הונ־
דערט בעזיעגטע פלשתים.

און דוד געהט און ברענגט שאול'ן גאַנצע צוויי הונדערט
ערלות, און קריגט מיכל פאַר אַ פרוי.

אידען זיינען ניט געווען דאָס איינציגע פאָלק וואָס זיינען
געווען בעקאַנט מיט כרת־ברית דורך אַ שווידערליך בלוטיגער צע־
רעמאָניע פון פערשטימעלטע אברים.

אַט וואָס עס ווערט דערצעהלט אין שמואל א' י"א:

"ויעל נחש העמוני ויחן על יביש גלעד ויאמרו כל אנשי
יביש אל נחש כ ר ת ל נ ו ב ר י ת ונעבדך. וועלכעס מיינט,
אַז ווען נחש האָט בעלאַגערט די אידען פון יבש, און קיין הילף
האָבען די אידען פון קיינעם ניט געקענט ערוואַרטען, האָבען זיי
איהם געשיקט זאָגען אַז ער זאָל מיט זיי כרת־ברית זיין וועלען
זיי איהם דינען, דאָס הייסט זיי וועלען איהם ווערען אונטער־
טעניג.

נחש דער עמוני איז צופריעדען איינצוגעהען מיט די אידען
אין אַ פריינדשאַפטס־באַנד נור מיט פאָלגענדע בלוטיגע בעדינגונג:

,,בזאת אכרית לכם בנקור לכם כל עין ימין", ער זאָל יעדען
אויסשטעכען דאָס רעכטע אויג. דאָס איז זיין צייכען פון אונ־
טערטעניגקייט. דאָס איז זיין פרייז פאַר כרית־ברית.

גאָט'ס פרייז פאַר כרית־ברית מיט אברהם'ן איז אויך בלו־
טיג, נור אויף אַן אַנדערען שטייגער. נחש וויל דאָס רעכטע אויג
האָבען אויסגעשטאָכען, יהוה וויל די ערלה אָבגעשניטען האָבען.
ביידע גרוזאַם, ביידע בלוטיג, ביידע האָבען איין צוועק, אונטער־
טעניגקייט.

.33

דאָקטאָר פרייזער איבער אבר פערשטימלונג.

די שטעלונג פון בעזיעגטען, ווי
געברויכט פון שקלאַף פאַר זיין
מייסטער, דעם אונטערטאַן פאַר זיין
הערשער, ווערט אויך די שטעלונג
פון גלויביגען צו זיין גאָט.

ספענסער.

אין זיין גרויסען ווערק ״דער גאָלדענער צווייג״, צווייטע באנד, זאגט דאָקטאָר פרייזער פאָלגענדעס:

״די גרוים־בייכיגע אינדיאַנער, איידער זיי געהען אין דער מלחמה, מאַכען גרויסע פאַרבערייטונגען צו געפעלען זייער גאָט.

,,זיי האָבען טבילה פינף זעקס מאָל א טאָג און אפט שניידען זיי זיך אָב איינעם אָדער צוויי פינגער און זיינען עס מקריב צום גרויסען גייסט כדי ער זאָל זיי העלפען אהיים ברענגען פון דער מלחמה פיעלע שייטלען פון ״גע׳הרג׳עטע שונאים״.

(דיזע אינדיאַנער זיינע אַלע גע׳מל׳ט. ל. ר.).

איז דאָס פינגער אָבשניידען געווען בעקאַנט די אידען?

אָט וואָס עס ווערט דאַריבער געזאָגט אין ערשטען קאַפּיטעל פון שופטים, ,,וינס אדני בזק וירדפו אחריו ויאחזו אותו ויקצצו את בהנות ידיו ורגליו״, וועלכעס מיינט, אז ווען די אידען האָבען אין א מלחמה בעזיעגט די כנענים און די פרזים איז אדני בזק אנטלאָפען, האָבען די אידען איהם נאָכגעיאָגט, געכאַפּט, און אָב־געהאַקט די גראָבע פינגער פון זיינע הענד און פיס.

דאַרויף האָט אדני בזק געזאָגט:

״שבעים מלכים בהנות ידיהם ורגליהם מקצצים היו מלקטים תחת שלחני כאשר עשיתי כן שלם לי אלהים״. וועלכעס מיינט: זיעבציג קעניגע מיט אָבגעהאַקטע דוימענס פון זייערע הענד און זייערע פיס האָבען אויפגעקליבען אונטער מיין טיש. אזוי ווי איך האָב געטהאָן אזוי האָט גאָט מיר בעצאָהלט.

און דעם אויבען־געבראַכטען איז צו זעהען אז ערשטענס איז דיזע פערשטימלונג א צייכען פון אונטערטעניגקייט.

צווייטענס, די מאַנאַטהעאיסטישע אידעו און די געצענדיע־נערישע כנענים און פרזים האבען געהאט דעמזעלביגען בלוטיגען מנהג מיט'ן שייכות צו ערנידריגען דעם שונא.

און דריטענס, לויט דאָקטאָר פרייזער, איז דיזער בלוטיגער מנהג ביי די אינדיאַנער געוואָרען א רעליגיעזער פונקט ווי דער בלוטיגער מנהג פון מל זיין ביי אידען.

מיר ווערלען איבערגעבען אין דיזען קאַפּיטעל א זעהר אינטע־רעסאַנטע מיינונג פון דאָקטאָר פרייזער איבער אידישע דינים און מנהגים אין אלגעמיין:

"אורטיילענדיג לויט די געזעצע פון דער תורה, זעהט אויס אַז די אַלטע סעמיטען זיינען דורכגעגאַנגען דורך א קורס פון מאַ־ראַלער ענטוויקלונג, עהנליך צו דעם וועלכען מיר קענען נאך יעצט זעהען אין פּראָצעס פון ענטוויקלונג צווישען די עסקימאָסען פון באַפין־לאַנד (צוועלף גראַד פון נאָרד־פאָל. ל. ר.).

"מאַנכע פון די אַלטע געזעצע פון ישראל זיינען ניט מעהר ווי דער "טאַבו" פון די ווילדע (טאַבו א הייליגע זאך צו וועלכער מען טאָר זיך ניט צוריהרען) פון א גאַנץ בעקאַנטען סאָרט נור בע־האַלטען אונטער א צודעק פון א בעפעהל פון גאָט.

"דיזער צודעק איז מעהר פאַלקאָמען אין פּאַלעסטינא איידער אין באַפין־לאַנד, אבער אין עצם איז ער דערזעלבער.

ביי די עסקימאָסען איז עס דער ווילען פון "סעדנא" ביי די אידען, דער ווילען פון "יהוה".

"דאָס עהנליכקייט פון מאַנכע פון משה'ס געזעצע צו די מנהגים פון ווילדע האָט געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק אויף די איירעפּעער וועלכע האָבען זיך גענוי בעקאַנט מיט די מנהגים פון די ווילדע".

נאַטירליך איז דאָס מל זיין איינע פון דיזע מנהגים.

אויב דער לעזער האָט די מעגליכקייט צו לעזען דאָס ווערק פון דאָקטאָר פרייזער, האָבען מיר ניט גענוג ווערטער עס צו רעקאָ־מענדירען.

דאָקטאָר פרייזער איז געווען א פריינד פון דאָקטאָר סאָל. שעכטער, וועלכער איז דאָ ניט לאַנג געשטאָרבען.

אַלע וועלכע האָבען געקענט דאָקטאָר שעכטער ווייסען אַז

ער איז געווען ניט נור א גרויסער איד נור אויך א גרויסער מענש און אין זיין בוך "שטודיען איבער יודענטום" דערמאנט ער דר. פרייזער.

34.

זבחי מתים.

עס גלויבט, דער וועלט צום שפאס
דער רעליגיעזער שוטה
אז גוטיג האט א גאט
א קרבן אויך פון טוידטע.

ל. ר.

צי מל זיין איז געזונד איז א פראגע פאר מעדיצינער, און זיי זיינען ניט איינשטימיג אין זייער ענטפער.

דאקטאר פריעדענוואלד איז א חוץ א מעדיצינער אויך א געבילדעטער איד און ער איז ניט זיכער אז מל זיין טהוט אויף פאר'ן אידען די אלע וואונדער מיט'ן שייכות צו געזונדהייט, וואס אנדערע מיט ווענינער בילדונג פון איהם שרייבען צו אויפ'ן חשבון פון מל זיין.

ניט זייענדיג בעקאנט מיט מעדיצין, מעגען מיר אננעהמען מיט זיכערקייט אז שעדליך צום געזונד איז מל זיין ניט. ווייל ווען יא וואלטען עס אפריקאנער, אזיאטער, אמעריקאנער און אויסטראלישע ווילדע און האלב-ווילדע שבטים שוין לאנג אויסגעפונען און עס אויפגעגעבען.

און כאטש, ווי אז אויטהאריטעט דריקט זיך אוים, ס'איז לייכטער צו צעהלען די שבטים וועלכע זיינען זיך ניט מל איידער די יעניגע וועלכע זיינען זיך יא מל, און כאטש זיי טהוען עס שוין פון "אייביגע יאהרען", דאך גיבען זיי עס ניט אויף, וועלכעס מיינט אז מל זיין איז זיכער ניט שעדליך.

פאר'ן אידען אבער איז עס שעדליך געווען אין אן אנדערער ריכטונג, כאטש היינט ניט מעהר.

אידען פלעגען אמאל געברויכען א רויטע, קלעפיגע פליעסיגקייט, בעקאנט אלס "דראגאן'ס בלוט", וועלכע קומט פון דער קארע פון געוויסע בוימער, כדי די וואונד פון שניט זאל שנעלער

הײלען. און אונװיסענדע קריסטען פלעגען דערפאר זאגען אז אידען געברויכען בלוט פאר רעליגיעזע צוועקען.

און אין צייטען פון עלילת דם פלעגען זיך די פרומע נאכפאל־גער פון גאט פון ליעבע מיט דיזער געמײנהײט בענוצען און די פאלגען פאר די אידען זײנען געװען בלוטיגע.

מיר װעלען, איבריגענס, צוגעבען אז קײן בעסערע קמיע פאר׳ן געזונד װי מל זײן איז גאר ניט בנמצא.

טהוט עס אבער דער איד װײל ס׳איז געזונד?

דער בעסטער בעװײז אז נײן, צײגט דער פאקט אז דער איד איז מל זײן טױדטע קינד.

כדי צופריעדענצושטעלען דעם בעשאפער פון אלעם װאס לעבט, גיט איהם דער איד א טױדטע שטיק פלײש פון א טױטען קינד!

דער רעליגיעזער שוטה זעהט ניט װי ער בעלײדיגט דערמיט זײן גאט, װען דיזער זאל אפילו זײן אזױ בלוטיג װי ער, אין זײן רעליגעזער דומהײט, דענקט פון איהם.

אויף דעם אױפרוף אין דער ״פרײע ארבײטער שטימע״ אונז צרײנצושיקען פאקטען איבער דיזען ענין, זײנען אנגעקומען מאסען בריעף. מיר װעלען דא איבערגעבען בלױז אײנעם, װעלכער צײגט קלאר װי רעליגיאן מאכט דעם מענש צום נאר.

אט איז דער בריעף מיט די נעמען אױסגעלאזען:

״פרײנד ל. ראזענצװײג:

איבערלעזענדיג אין דער ״פ. א. ש.״ פון דעצ. 18טען, װאו איהר בעט אײך מיטצוטהײלען פאקטען װעגען מל זײן א טױדטע קינד, קען איך אײך מיטטהײלען פאלגענדעס:

״בײ דער פאמיליע ״ק״ איז מיט א צײט צוריק געבױרען געװארען א אינגעלע װעלכער האט געלעבט פיער טעג.

װען דער שמש איז געקומען, איז זײן ערשטע פראגע געװען װאס איז דער נאמען פון קינד?

״ברוך״, איז געװען דער ענטפער.

דאן האט דער שמש געגעבען צו פערשטעהן אז אײדער מען װעט קענען דאס קינד בעגראבען מוז מען עס צוערשט ״אידישען״.

ניט װארטענדיג אויף אן ענטפער האט ער דאס טױדטע קער־פערל אנגענומען מיט צװײ פינגער, און — — — — — — — — —

אזוי ווי מען האלט א הערינג ביים קאפ און דאס איבריגע הענגט ארונטער און דערביי געזאגט: "ר' ברוך, מיר בעטען איהר זאלט אונז מוחל זיין, מיר וועלען טהאן אייער רעכט און מיר וועלען אייך בעגראבען ווי מען בעגראבט אלע עהרליכע אידען".

"איך און אלע אנוועזענדע האבען ביי דיזע רייד אויסגעשאסען מיט א געלעכטער, כאטש ס'איז ניט געווען אם פלאץ. און ווער וואלט ניט געלאכט? א איד איבער פופציג יאהר אלט, מיט א געדיכטער גראהער באָרד, רעדט צו א טויטען נפש'על, נרויס ווי א לעפעל און טענה'ט צו איהם: "ר' ברוך". נאך היינט ווען איך דערמאָן זיך לאך איך.

און, איהר מעגט מיך האלטען פאר א נאר, איך פעראכטע דאס אידישקייט פון דעמאלט אן".

מיר הלטען אונזער פריינד דעם בריעף שרייבער, ניט פאר קיין נאר. אינטערעסאנט וואלט אבער געווען, ווען ער זאל אונז ערקלערען מיט וויפיעל ס'איז שעהנער צו שניידען דאס פלייש פון א לעבעדיג קינד?

אויב דער בעשעפער פון אלע וועלטען האט נויטיג דאס אבגעשניטענע פלייש פון א לעבעדיג קינד, איז אויך זעהר מעגליך אז ער נויטיגט זיך אין אבגעשניטענעם שטיק פלייש פון א טוידטען קינד.

אין אינדיען, דערצעהלט פ. פינקאט, אין זיין פארטראג איבער דעם סינקהיסטישען גלויבען, האט אין פופצעהנטען יאהרהונדערט געלעבט א רעפארמער פון דער רעליגיאן פון די הינדוסער, מיט'ן נאמען "נאנאק רבינו".

אט איז א קליינער טהייל פון זיין תורה:

"גאט איז איינער, אלעס איבריגע איז גארנים.

"אלע מענשען זיינען גלייך.

"דער מענש מוז געבען צדקה, מוז יעדען מוחל זיין, מוז פראקטיצירען גוטעס. ער מוז רחמנות האבען אפילו אויפ'ן קלענסטען בעשעפעניש. ער "טאר קיין פלייש ניט עסען כדי ניט ווערה צו טהאן אפילו דער בהמה".*) און יהוה הייסט ווערה טהאן א קינד.

*) זעה רעליגיאנס-סיסטעמען פון דער וועלט, זייטע 309.

דאקטאר האלט, פראפעסאר אין אונזער קאלומביא אוניווער־זיטעט איבער קינדער קראנקהייטען און קאלעדזש פון מעדיציון און כירורגיע, האט מיט א צייט צוריק אנגעשריבען א בוך וועגען דער פפלעגע פון קליינע קינדער, א בוך וועלכער קען ניט גענוג רעקאמענדירט ווערען פאר יונגע מאמעס, א בוך וועלכען מען געפינט אין יעדער ביבליאטעק און וועלכער טאר ניט פעהלען אין קיין שום הויז וואו עס זיינען פאראן קינדער.

ריידענדיג איבער "באדען די קינדער", אויף זייטע זיעבצעהן, ברענגט פראפעסאר האלט פאלגענדע פראגע:

ווען איז ראטהזאם מל צו זיין א קינד?

און ער ענטפערט:

"ווען די ערלה איז זעהר לאנג און אזוי ענג אז זי קען ניט צוריקגעשיעבט ווערען אהן קראפט.

תמיד ווען דיזער צושטאנד איז בעגלייטעט פון לאקאלע אויפ־רעגונג אדער שוועריגקייטען ביים וואסער".

דער לעזער וועט בעמערקען אז אפילו אין דיזע ניט גאנץ געוועהנליכע פעלע, זאגט ניט דאקטאר האלט אז מען מוז, ער זאגט בלויז "ס'איז ראטהזאם". *)

דאך ווילען אידישע היפאקריטען איינרעדען דעם אידען אז מל זיין היילט פון אלע קראנקהייטען.

וועהרענד דער רעליגיעזער איד איז ניט היפאקריטיש, איז ער אבער פאנאטיש בלינד, און שטעהט רעליגיעז אויף איין שטופע מיט'ן בעדואין פון די אפריקאנישע מדבריות.

דער פריהער דערמאנטער "נאנאק" איז אן אינדיאנער. ער בעפעהלט "אפילו דער בהמה זאלסטו קיין שמערץ ניט פערשאפען!"

ער פערדינט "האב רחמנות אויפ'ן קלענסטען בעשעפעניס!"

און ביים פרומען אידען איז רעכט צו גלויבען אז דער וועלטענשעפפער האט בעפוילען "המול לכם כל זכר!" שנייד אב א שטיק פלייש פון יעדען מענליכען קינד!

---

*) דאס אויפפאסען און נאהרונג פון קינדער, פון דר. עמעט האלט.

דער איד וועלכער איז בטבע מילד און מיטפיהלענד מיט יעדנעמס שמערצען גלויבט אונטערדעסען אז דער וואס האט דעם מענש בעשאפען האט בעפוילען "ועניתם את נפשתיכם". איז ניט נאנאס איידעלער פון יהוה?

.35

גלויבען און אבערגלויבען.

קריסטוס דורך זיינע אמת'ן וואס
ער האט די וועלט געלערנט, איז
געקרייציגט געווארען.
דורך זיינע ליגען, לעבט ער אייביג.
ל. ר.

איז דער איד רעליגיעז?

א מאדנע פראגע, דאס וועלען פיעלע דענקען.

בעטראכט מען אבער דעם רעליגיעזען אידען פון היינט אין ליכט פון פערגאנגענע רעליגיאנען און היינט לעבענדע ווילדע שבטים און זייערע רעליגיעזע צערעמאניען, ווערט דיזע פראגע ניט נור בערעכטיגט, נור עס ווערט אויך בערעכטיגט דער ענטפער צו דיזער פראגע, נעמליך, ניין! דער איד איז ניט מעהר רעליגיעז ווי דער נאקעטער האטענטאט, זיין רעליגיאן שטעהט ניט העכער פון דעם פעטיטשיזם פון א שווארצען זולו. זיין גאט בעגריף — ניט איידעלער ווי די פארצייטיגע בבלים.

די אורזאך איז קלאר.

מענשען מיט פיער טויזענד יאהר צוריק, מיט א קליינער אויסנאהם, האבען ניט געהאט און ניט געקענט האבען קיין איידעלען בעגריף פון גאט, און דער איד פון היינט, וועלכער האלט זיך אין א פערשימעלטער רעליגיאן פון יענער צייט, קען היינט ניט האבען קיין איידעלערען גאט ווי די מענשען פון יענע צייטען.

אויב מיר געפינען היינט דעם אידען גוט און איידעל איז עס צום טראץ פון זיין רעליגיאן.

דער איד פון היינט איז איידעלער פון זיין גאט, שעהנער פון זיינע אבות און נאציאנאלע העלדען, בעסער פון זיין רעליגיאן,

אין גלויבען אבער איז דער איד אבערגלויביש!

אז גלויבען האט אין זיך א מאראלע קראפט, וועט קיינער ניט לייקענען.

אבער די מאראלע קראפט וואס א געוויסע רעליגיאן איבט אוים אויף איהרע אנהעננער, איז ווירקזאם אין א בעשטימטע פעריאדע אין דעם לעבען פון דיזע אנהעננער. עס קומט אבער א צייט ווען די רעליגיאן האט אבגעטהאן איהר ארבייט, און ווערט איבערפליעסיג, ווערט א שטערונג.

ווער עס וואוינט אין א וואלד אדער אין א פערוואָרפענעם דארף, פאר דעם איז א ווילדער הונד א נויטיגע זאך, ער שיצט איהם פון אלדאס בייז.

ווען אבער איינער וואוינט אין א גרויסע שטאדט, צי האט ער דעם ווילדען הונד נויטיג?

אלע אלטע רעליגיאנען זיינען ווי ווילדע הינט אמאל נויטיג געווען, אבער שעדליך היינט.

אויב רעליגיאן, ווי מאנכע גלויבען, עדעלט אוים דעם מענש, איז דער רעליגיעזער מענש נאך ניט קיין אויסגעעדעלטער, ווייל ווען יא, וואלט ער זיך שוין אין רעליגיאן ניט גענויטיגט.

דער איד איז ניט געווען רעליגיעז אין ארץ ישראל, ער איז עס נאך ווייניגער אין גלות.

מאנכע פון די אידישע נביאים זיינען געווען בעזעעלט מיט דעם גייסט פון אמת׳ער רעליגיאן.

און טאקע יענע זיינען עס געווען די ערשטע צו פערדאמען דעם אידען׳ס אבערגלויבען.

וואס מיינען דעם נביא׳ס פייערדיגע ווערטער ״למה לי רב זבחיכם יאמר יהוה?״

ישעיה פערדאמט מיט צארנדיגע ווערטער דעם העסליכען אבערגלויבען פון קרבנות!

ניט נור קרבנות, נאך וועלכע דער מאדערנער איד בענקט אזוי אנשטאט זיך דערמיט צו שעמען, נור יעדע רעליגיעזע צערע־מאניע דעם אידען׳ס איז א העסליך שטיק אבערגלויבען און פער־דיענט ניט רעספעקטירט צו ווערען.

איז דאָך דעם אידען'ס דאווגען אפילו אַז אַקט פון העסליכען געצענגדיענסט!

ווען דער ווילדער בעט צו זיין געצקע, לויבט ער איהם אַזוי איבערטריבען אַז יעדער לויב ווערט אַ ליגען.

און פון וואָס בעשטעהט דעם אידען'ס דאווגען? עס בעד שטעהט פון איבערטריבענעם לויב, און גאַנץ געמיינע ליגען.

זעהט דער איד די נאַרישע איבערטרייבונג פון "אדון עולם אשר מלך בטרם כל יציר נברא"?

נאָך איידער עפּעס איז בעשאַפען געוואָרען, איבער וועמען האָט ער געקעניגט?

הערט דעם העסליכען ליגען "יתן לרשע רע כרשעתו!"

הערט! "ברוך אתה יהוה אלהינו מלך העולם אוזר ישראל בגבורה". ווי קען מען זיין אַזוי ליגנעריש! און נאָך יעצט, ווען אידישע בלוט ווערט אַזוי מערדעריש פערגאָסען פון די בלוטיג־שמור־ציגע הענד פון אַ משוגע'נעם הונד איז געשטאַלט פון בלוטיגען צאַר, ימח שמו וזכרו!

ס'איז דאָך ליגען, מיט וועלכער גבורה העלפט ער עס דעם אידען?

שעהמט זיך דער איד נאַרניט ווען ער זאָגט אַזאַ ליגען ווי "הזן את העולם כלו בטובו בחן בחסד וברחמים הוא נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו". גיט גאָט יעדען בעשעפענים זיין ברויט? קען דאָס זאָגען אַן אויסגעעדעלטער מענש?

ווי סיקאָפאַנטיש נידריג איז די בעהויפּטונג "ברוך מרחם על הארץ, ברוך מרחם על הבריות?"

וויפיעל שמייכלעריי נידריגע ליגט אין "אשרי העם שיהוה אלהיו". עס לאַכט דאָך דרפון יעדער בלוטיגער קאַזאַק!

וויפיעל ליגען, פאַלשקייט, הייכעליי, שמייכעליי און שקלאַ־ווישע ערנידריגונג געפינען זיך אין דיזע עטליכע ווערטער "עזרת אבותינו אתה הוא מעולם מגן ומושיע להם ולבניהם אחריהם בכל דור ודור".

אין זיין רעליגיעזע דומהייט בעליידיגט דער איד זיין גאָט און ווייסט עס ניט.

הייסט עס ניט בעליידיגען דעם וועלטענשעפּפער ווען איז זעלביגען דאווגען שרייט דער איד ערשט, "אמת אתה הוא ראשון ואתה הוא אחרון ומבלעדיך אין אלהים" און טאקע באלד שרייט ער ווייטער "מי כמוך באלים יהוה?"

וואס איז דאס מחדש זיין די לבנה, אויב ניט א שטיק געצענדיענסט פון נידרינסטען סארט?

ווייסט דער גלויבינער איד אז ווען ער רעדט צו דער לבנה און זאגט צו איהר "אלמלי לא זכו ישראל אלא להקביל פני אביהם שבשמים פעם אחת בחודש", שטעלט ער זיך אויף איין שטופע מיט די ווילדע דערווישען פון די אפריקאנישע מדבריות?

וועלכער איד מיט שכל, וועלטליכען שכל, ווערט ניט רויט ווען ער זעהט א בינטעל ציוויליזירטע מענשען אין א ציוויליזירטער שטאדט געהט צו א טייך און ווארפט דארט אריין די עבירות וועלכע זיינען בעגאנגען געווארען א גאנץ יאהר?

ווער קען אנרופען אן אבערגלויבען נידריגער פון תשליך?

דאס איז ניט נור אבערגלויבען, דאס איז שענדליכע אונמאראליטעט.

וואס איז דעם אידען'ס טלית, אויב ניט די ווייסע אראבישע דעק וועלכע דיענט דעם דערוויש אלס מלבוש און איז צוגעפּאסט פאר אזעלכע נאמאדען פון די הייסע זאמדיגע מדבריות?

וואס זיינען די תפילין, אויב ניט אן איבערבלייבעכטס פון טעטאווירטען שקלאף?

אז דער איד ווערט ניט רויט בשעת ער זאגט צום וועלטענשעפּפער "שתעלנו בשמחה לארצנו ותטענו בגבולנו, ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו". איז עס זיין אומגליק, ווייל דערמיט ערנידריגט ער זיך צום העסליכסטען געצענדיענער.

ווען דער איד דערמאנט די עקדה ערנידריגט ער זיך צום בלוטיגסטען קאניבאל.

וואס איז שופר בלאזען, אויב ניט א בעליידיגונג פאר גאט און מענש?

וואס טראכט דער איד בשעת ער שלאגט כפרות? ווייסט ער אז אפריקאנער זולום שעהמען זיך שוין דערמיט?

וואס איז כורעים פאלען, אויב ניט פרימיטיווער געצענדריענסט?

מאכט ניט די צערעמאניע פון מלקות שלאגען חוזק פון אי־דישען גאט?

וואס איז דאס שפרינגען קדוש, אויב ניט אן אלטע איבער־בלייבעכטס פון דעם אינדיאנישען רעליגיעזען טאנץ?

וואס איז דעם אידען׳ס ״אויסגעהען״ שמונה־עשרה, אויב ניט אן אלטע, אזיאטישע צערעמאניע ביים אוועקגעהען פון אן אזיא־טישען שקלאף פון זיין אזיאטישען דערפאטישען הארר?

ווי העסליך און געצענדריענעריש איז דעם אידען׳ס שפיי ביי ״עלינו״?

וואס איז דאס ארומגעהן אין די זאקען יום־כפור, אויב ניט דער צייכען פון אזיאטישער אונטערטעניגקייט?

וואס איז דעם אידען׳ס פאסטען, אויב ניט אן אונזיניג שטיק געצענדריענסט פון שווארצעסטען סארט?

ווען דער ווילדער אויסטראליער האט געגוג צום עסען, שטעקט ער איין א בלוטיג שטיק פלייש זיין געצקע אין מויל אריין, אמאל שטעקט ער זיין געצקע אין מויל אריין דאס נאך ווארימע, אויסגעריסענע הארץ פון זיין איינציג קינד. ווען אבער קיין חיות האט ער ניט געכאפט, קיין קינד האט ער אויך ניט, פאסט ער, כדי זיין געצקע זאל זעהען אז ער אליין האט אויך ניט צום עסען און דערפאר קען ער זיין געצקע גארניט געבען.

און דער מאדערנער איד מיט זיין פאסטען דריקט אויס צום בעשעפער פון אלע וועלטען דעמזעלבען בלוטיגען געדאנק!

וואס איז דעם אידען׳ס וויינען אין די ימים־נוראים און טאנ־צען אין שמחת־תורה, אויב ניט פרימיטיווער, נארישער געצענ־דריענסט?

זיינען דאך אלע זיינע ימים־טובים געצענדריענערישע! פאלען זיי ניט אלע נאהענט פון די תקופת?

וואס איז מל זיין, אויב ניט א פערלאנג פון א קאפריזנעם, קאניבאלישען גאט?

צוואווס קען דער בעשעפער פון אלע וועלטען זיך נויטיגען אין דעם בלוט און שמערץ פון אן עופה׳לע?

אויב א גאט מיט פיער טויזענד יאהר צוריק האט דיזע בלו־טיגע טהאט ווירקליך פערלאנגט, איז עס רעכט, איז עס שכל'דיג, פון א מאדערנעם אידען מיט פיער טויזענד יאהר שפעטער איהם צו פאלגען?

קען דער, אבער, וועלכער האט בעשאפען די זון, זיין אזו בלוטיג קליינלאך און פערלאנגען א שטיק פלייש פון א לעבעדיג קינד?

צי קען א איד ניט זיין א גוטער מענש, אויב ער איז ניט גע־מל'ט?

זיינען אלע ניט גע'מל'טע שלעכטע מענשען?

וואס ניט דאס גע'מל'ט זיין דעם אידען וואס דער ניט גע־מל'טער האט ניט?

וואלט דיזעם אריסאקראטישעם פאלק געווען וועניגער איידעל וועניגער גוט, ווען עס שאפט אב דיזען בלוטיגען מנהג?

(ע נ ד ע)